ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מי יאכילנו
# בשר

אידיש

**589**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזהשי"ת

קונטרס

# מי יאכילנו בשר

**אן ענטפער אויף אַן אַטאַקע צו איינעם פון די אנשי המחנו"ט אונטערן נאָמען פון**

**צבי דוד הערשקאָוויטש**

אין דעם קונטרס ווערן פאַרענטפערט אַלע קשיות און סיבות פינקטלעך ווי אַזוי די קצבים ושותפיהם האָבן פאַרפירט דעם סאַטמאַרער רבי'ן זי"ע און נאָך רבי'ס און רבנים ז"ל (שליט"א) צענדליגער יאָרן, מיט'ן גאַנצן כלל ישראל אין אַמעריקע, און פאַרוואָס אַלע רבנים גדולי ישראל האָבן געציטערט די גאַנצע צייט זיך אָנצורופן וועגן די מורא'דיגע עוולות פון די מאכילי נבילות וטריפות חלב ודם.

הוצאתי לאור עולם בחמלת ה' עלי

**שלום יהודה גראס**

**אבדק"ק בארא פארק**

*

שנת תשנ"א לפ"ק

**בס"ד**

# קונטרס
# מי יאכילנו בשר

## אַן אָפענער בריוו צו
## האָלמינער רב שליט"א
### פון צבי דוד הערשקאָוויטש

## שאלה א:

ווי קענט איר שרייבן טאָג און נאַכט קעגן די פליישן, דאָרט וואו איר אַליין ווייסט גאַנץ גוט אַז דער סאַטמאַרער רבי ז"ל אַליין האָט געגעבן אַ בריוו און האָט געהייסן אַלע זיינע חסידים צו קויפן פלייש אין סאַטמאַרער בוטשער סטאָר, און דער בריוו איז געווען געדרוקט אין צייטונג "דער איד". אויך איז עס געווען געדרוקט אין "דער אידישער קוואַל", און אויך העגנט דאָס כסדר אין סאַטמאַרער בית המדרש. און עס איז בכלל נישט מעגליך אַז איר זאָלט נישט וויסן דערפון. (זעה ווייטער שאלות ב' און ג', און די תשובות אויף די שאלות).

**צבי דוד הערשקאָוויטש**

*

# תשובה אויף שאלה א:

צו מיין טייערען פריינט צבי דוד הערשקאוויטש נ"י, (וואָס איך מיין אַז דאָס איז בכלל נישט אייער נאמען, אַזוי ווי איך האב שוין געהאט ענליכע פראגעס פון דוד בריקמאן, און פון משה קיימאן ווי געדריקט אין ספר אכילת בשר הלכה למעשה).

און היינט איז דאָס אייער נאמען וואָס הייסט צבי דוד הערשקאוויטש. עס זעט אויס אַז איר האָט געמוזט מוסיף זיין איין נאמען, ע"כ ווינטש איך אייך אָן אַ מזל טוב צו אייער נייעם נאמען, און השי"ת זאָל העלפן אַז פון היינט אָן זאָלט איר תשובה טוהן און מעורר זיין אויך אנדערע זאָלן אויפהערען צו עסן פון די בשר נבילות וטריפות חלב ודם (כדי איר זאָלט אביסל פאַרשטיין דעם הלוך ילך פון דעם גאנצן סיסטעם פון די קצבים וואָס די משנה אין סוף קידושין זאגט עדות אויף זיי, אַז זיי זענען שותפים פון עמלק).

*

# מעשה א

## איסור פון סאטמארער רבי'ן אין אמעריקע אויף עופות שחוטי חוץ

ווי עס איז באוואוסט איז ארויס פון סאטמארער רבי'ן זי"ע אן איסור אויף שחוטי חוץ, און דער איסור איז געדרוקט אין ספר מלחמת השם, דארט וואו עס זענען געדרוקט געווארן אלע קול קורא'ס, און מיר וועלען דאָס מעתיק זיין פאַר אייך יעצט.

# קול קורא להסיר מכשול

כבר הודענו כמה פעמים, שבה"טשיקען מאַרקעטס" אם אין בעל המאַרקעט איש מהימן אז אפילו אם עומדים שם שוחטים יר"ש יכולים לבוא לידי מכשולות גדולות של נבילות וטריפות ממש, זולת אם עומד שם משגיח תמידי, שאין עליו באותה שעה שום תפקיד אחר רק להשגיח שהעופות שנשחטו בכשרות תהיינה תחת פיקוחו בלי העלמת עין אפילו שעה קלה עד אחר החתימה. מפני האחריות הגדולה שיש בזה העמדנו משגיחים בכמה טשיקען מאַרקעטס שתיכף אחר השחיטה קודם שנתעלם העוף מעיניהם יחתמו את העופות שנשחטו תחת השגחתינו בחותמות (פלאָמבעס) שלנו.

והיות ששמענו שישנם אנשים המקילים בזה, באנו להזהיר עוד הפעם **באזהרה חמורה שכל מי שרוצה להיות בטוח שאינו אוכל נבילות וטריפות לא יקח לביתו עופות שאינם חתומים בחותמות שלנו. ולא יקנה רק בחנויות** (בוטשער סטאָרס) **שאינם מכניסים לחנותם רק העופות החתומים בחותמות** (פלאָמבעס) **שלנו בלי יוצא מן הכלל.** מזמן לזמן נפרסם אי"ה את שמות הבוטשער סטאָרס שאין מוכרים רק עופות בחותמות שלנו.

**וזאת לדעת כמו שכבר הודענו, שבכל זאת ההשגחה שלנו היא רק על השחיטה ולא על כשרות הבוטשער סטאָר כבעניני מליחה והדחה וכו' כי אודות זה מוכרח הקונה בעצמו לחקור היטב על מי הוא סומך עצמו.**

גם זאת לדעת שמפני שיש קושיים גדולים בהשגחת שחיטת חוץ לעיר מחמת כמה טעמים, לכן השגחתינו מוגבלת רק לעיר ניו יארק, **ומי**

**שקונה משחיטת חוץ לעיר ישגיח בעצמו בשבע עינים ממי לוקח ועל מי הוא סומך.**

ע"ז באעה"ח ג' לסדר ויקרא ר"ח ניסן ה' תשכ"ג לפ"ג, פה ברוקלין יצ"ו.

## התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא

**יואל טייטלבוים**

(כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א – נשיא)

**לוי יצחק גרינוואַלד**

(הרב דקהל ערוגת הבשם – סגן נשיא)

ואלה שמות הרבנים הגאונים שליט"א ועד הפועל והמרכזי (עפ"י סדר הא"ב) אשר באו על החתום על הדברים הנ"ל:

**אלעזר שפירא**
(הרב מקיוויאַשד)

**אלכסנדר אשר באב"ד**
(הרב מטארטיקאוו)

**הלל ליכטענשטיין**
(הרב מקראסנא)

**יוסף יונה צבי הלוי הורוויץ**
(הרב מאונסדאָרף)

**ישכר בער הלוי ראָטענבערג**
(הרב מוואודיסלאָוו)

**יקותיאל יודא האלבערשטאם**
(הרב מבאַרדיוב)

**יצחק אייזיק אייכענשטיין**
(רב דק' עטרת צבי פאַרעסט הילס)

**יעקב סג"ל לעבאָוויטש**
(הרב מקאַפיש)

**משה טייטלבוים**
(הרב מסיגעט)

**הרב משה ביק**

**אלטר יעקב יצחק וואַגשאַל**
(הרב מלאַנצהוט)

**גבריאל יודא איליאָוויטש**
(הרב משאַמשאָן)

**חנני' דוב קאָהן**
(ראב"ד מבודאַפעסט)

**יוסף גרינוואַלד**
(הרב מפאָפא)

**יוסף משה מייזעלס**
(הרב מאויוואַהר)

**ישראל אברהם שטיין**
(הרב מפאַלטיטשאַן)

**יהושע כ"ץ**
(הרב מסאַמבאטהעלי)

**יוסף אלי' הכהן שטיינער**
(דומ"ץ דקהל עדת יראים)

**מרדכי האַגער**
(הרב דקהל תורת חיים וויזניץ)

**משה שטערן**

(ר"מ נייטרא)
**משה ארי' לעוו**
(הרב מטעמעשוואַר)
**נפתלי הירצקא העניג**
(הרב משאַרמאַש)
**צבי הורוויץ**
(הרב מקראָלי)
**שמעון ישראל פאָזען**
(הרב משאָפּראָן)
**שמחה בונם גרינבערגער**
(הרב מפּרעשבורג)

(הרב מדעברעצין)
**מנחם זאב שיק**
(הרב מטאָקאי)
**עזריאל יודא לעבאָוויטש**
(הרב דקהל עדת יראים)
**רפאל בלום**
(הרב מקאַשוי)
**שמואל אברהם זעלטענרייך**
(הרב מטשאַקאווא)
**שלמה זלמן פרידמאַן**
(הרב מטענקע)

*

דער רבי זי"ע האָט טאקע געגעבען אַ בריוו, אַז מען זאָל נוצן נאָר פון זיין בוטשער סטאָר, אָבער לאָמיר נאָר אריינטראכטן ווי אַזוי מען האָט פאַרנאַרט די ערליכע אידען אין סאטמארער בוטשער סטאָר.

עס איז באוואוסט אַז אין וויליאמסבורג איז דאָ אַ שחיטה וואָס הייסט נאָרט 4 מיטן הכשר פון התאחדות הרבנים, און אלע מדקדקים בכשרות האבען גענוצט נאָר פון די שחיטה, און און סאטמארער בוטשער איז נאָר אריין פון די שחיטה, ווייל דער עולם האָט דאָס פאַרלאנגט, און אויך איז דאָך געווען אן איסור אויף די אנדערע עופות פון שחוטי חוץ.

# מה עשה הבעל דבר?

## שוחטים שותפים אין די פלייש בענק באַקומען עמטליך אַ געהאלט פון בוטשער סטאָר, חוץ וואָס זיי זענען שותפים אין די האלסעיל ביזנעס

אַ טייל פון די מענטשן וואָס האבן זיך ארומגעדרייט לעבן רבי'ן, זיינע שטוב מענטשען וואָס האבן געהייסן געטריי פאַר'ן רבי'ן ממש במסירת נפש, זיי זענען געווען (און זענען עד היום) די בעלי בתים איבער די פלייש אינדוסטרי, סיי ביי די עופות סיי ביי די גסות, און אַזוי ווי דער רבי האָט נישט געהאט קיין קינדער ל"ע האבען זיי צוזאַמענגערעדט פאַר'ן רבי'ן וואָס זיי האבן נאָר געוואלט, זיי האבען פאַרציילט פאַרן רבין מעשיות וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. אַי, וועסטו פרעגן, ווי קען דאָס זיין אַז מען זאָל איינרעדען אַ רבי'ן אַ צדיק אזעלעכע זאכן? ער האָט דאָך געהאט אָפן רוח הקודש, און האָט דאָך געזען אלעס?

דער תירוץ איז פשוט. נישט אלעס איז מען מגלה פאַרן צדיק, און מען קען אַ צדיק פאַרנאַרן. שטעלט אייך פאָר אַז דער סאטמאַרער רבי אליין האָט געזאגט אויפן בעלזער רבי'ן זי"ע אַז מען האָט דעם בעלזער רבי'ן מיטן טשעבינער רב זי"ע פאַרנאַרט מיט אַן אונטערשריפט (וואָס לויטן בעלזער רבי'ן מיט רוב גדולי ישראל איז דער ענין פון בחירות גאָר אַ מצוה) וואָס לפי דעת תורה פון סאטמארער רבי'ן איז דער ענין בחירות בארץ ישראל אַן ענין פון עבודה זרה ממש, און אַ סאך ערגער, ווי דער סאטמארער רבי האָט 2 מאל געזאגט אין אַ דרשה אז מען זאָל זיך ענדערש 1,000 מאל בוקן צום צלם ווי צו רעדן איין ווארט עברית, און פונדעסטוועגען דאָך, אפילו דער סאטמארער רבי אליין וואָס האָט זיך מכניע געווען פאַרן בעלזער רבין זי"ע, און האָט אים געהאלטן פאַר אַ מלאך אלוקים, און פונדעסטוועגען דאָך האָט דער סאטמארער רבי געהאלטען אַז מען קען אַ צדיק פאַרנאַרן.

אין אמת'ן ווערט דאָס שוין געברענגט אין די תורה הק' "אשר נשיא יחטא", און ער ווערט מתיר זיין חלב, וואָס דער נשיא איז יענע צייטען מן הסתם געווען געגנוג גרויס, און פונדעסטוועגען דאָך האָט געקענט פּאַסירן אַז ער האָט געהייסן עסן חֵלֶב, אָבער עס איז געווען בשוגג. אויך איז באקאנט אז מ'קען אויסנארן דעם גרעסטן צדיק, ווי יעקב אבינו מיט יוסף הצדיק, ווי אויך האט מען באהאלטן פון דעם מגלה עמוקות אין די שטאט קראקע[1].

---

[1]) נאך ערגער איז ווען מ'זאגט נאך פאלשע זאכן וואס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, אין נאמען פון דעם צדיק, ווי דער סאטמארער רבי זצ"ל האט געזאגט בדרך מליצה אויף די גמרא אין מסכת ברכות, וואס דערציילט אז רבן יוחנן בן זכאי האט פאר זיין פטירה געוויינט און געזאגט, אז ער וויינט ווייל ער האט צוויי וועגן פאר זיך, איין וועג צום גן עדן און איין וועג צום גיהנום, "ואיני יודע באיזה דרך מוליכין אותי". האט דער סאטמארער רבי געטייטשט, אז די כוונה דערפון איז, ווייל כל זמן א מענטש לעבט הערט ער אויב מען זאגט נאך אין זיין נאמען פארשידענע ליגענס און ער קען אפלייקענען, אבער נאך זיין פטירה "מוליכין אותי", פירט מען אים שוין, דהיינו, די תלמידים "פירן ארום" זיינע ווערטער, יעדער פוצט עס צו לויט זיין געשמאק ווי ער וויל, און ממילא ווייסט ער נישט אויב מענטשן ווערן אננעמען זיינע ווערטער לטוב אדער פארקערט ח"ו, ע"כ.

און ליידער האט מען געזען אז אזוי איז טאקע געווען במציאות, אז מען האט דעם רביין פארנארט, און מ'האט ארומגעפירט אין זיין נאמען פארשידענע שמועות, אלץ כדי צו פארנארן אויך דעם עולם וואס קויפט פלייש, אז מען זאל מיינען כאילו דער רבי אדער די התאחדות גיט א השגחה אויף די פלייש פון וויינשטאק.

ובענין זה שאפשר להונות את הצדיק, ידוע מה שנעשה עם פסל מיכה תחת הנהגתו של משה רבינו ודור דעה ארבעים שנה במדבר, ואעפ"כ נעלם זאת שאל ידעו אודות הפסל, וכן תחת הנהגתם של שופטים היו עובדים עבודה זרה הרבה כמבואר בשופטים, וכן תחת הנהגתו של יאשיהו המלך שהפך עולם ומלואה בביעור ע"ז בכח של מלכות, ויאשיהו הי' צדיק גדול כמו שמעיד עליו הפסוק (מלכים ודברי הימים), ואעפ"י היו ליצני הדור עושים מה שלבם חפץ שלא בידיעתו, כמו שאמרו חז"ל.

ובפרשת דברים (א', י"ג) הבו לכם אנשים חכמים ונבונים לשבטיכם ואשימם בראשיכם, ופירש"י שהם ניכרים לכם שאם בא לפני מעוטף בטליתו איני יודע מי הוא ומאיזה שבט הוא ואם הגון הוא, אבל אתם מכירין בו שאתם גדלתם אותו לכך נאמר וידועים לשבטיכם, עכ"ל.

וכתב על זה בספר דברי שלום להגה"ק מוה"ר אברהם שלום מסטראפקוב זצ"ל (בן הגה"ק משינאווע זי"ע) וזה לשונו, הנה יש להוכיח מזה גודל מעלת הצדיקים, אפילו כשיש איזה מחלוקת בין איזה צדיקים ושומעין מהם שאחד אומר על חבירו דיבורים כנגדו, ידוע שזה מחמת בעלי לשון אשר היצה"ר רוצה להפריע הצדיקים ותלמידיכם מעסק מצותם ותורתם על כן הוא מעמיד הולכי רכיל בשקרים שונים, **וקלי הדעת אומרים, כיון שהרבי הוא בעל רוח הקודש, איך אפשר להטעותו**, ומזה באים ח"ו לפקור באמתיות צדקת הצדיקים הקדושים האמתיים, ובאמת **מי שאומר**

**כה, שאי אפשר להטעות את הצדיק, הוא אפיקורסות,** כיון שמצינו שאפילו משה רבינו ע"ה אדון הנביאים אמר וידועים לשבטיכם שאם בא לפני מעוטף בטליתו איני יודע כו' ואם הגון הוא כו' אלא ע"כ שאם בא איש צבוע לפני הצדיק ורוצה להטעותו שהוא איש כשר אפשר שהצדיק אינו יודע פנימיותו, כמו שאמר משה רבינו ע"ה איני יודע מי הוא עכ"ל.

ובפרשת וישלח (ל"ב, ט') על פסוק והי' המחנה הנשאר לפליטה וגו' פי' האבן עזרא וז"ל, כי אין הנביא יודע הנסתרות אם לא יגלה לו ה', ואלישע אמר וה' העלים ממני (מלכים ב' ד' כ"ז) עכ"ל.

הרי שמשה רבינו ואלישע הנביא לא ידעו וכן שאר הנביאים לא ידעו רק מה שהגיד להם השי"ת, אבל שאר הדברים יתכן שנעלם גם מהם ויתכן שידעו אבל אינו מוכרח ואפשר שיתעלם מהם.

ומצינו ביעקב אבינו ע"ה ולא ידע יעקב כי רחל גנבתם, אבל החסידים אומרים כי רק אצל יעקב הי' יכול להיות דבר כזה שלא ידע מה שנעשה תחת רשותו, אבל לא אצל מרן ז"ל... וכן רק את יצחק אבינו הי' אפשר לרמות, אבל החסידים אומרים כי הרבי גדול מכולם ואותו אי אפשר לרמות, ומוכרח שידע הכל ויכול הכל, וממילא ראי' ברורה שהכל הי' טוב.

ומבואר בספר מלאכים שנמצאו מכשולים של כרת רח"ל תחת גדולים מדורות קדומים, כגון אסא מלך יהודה שהי' צדיק והי' לו כח של מלאכות, ואעפ"כ נאמר (מלכים א' ט"ו י"ד) והבמות לא סרו, פירש"י במות היחיד שהורגלו ליקרב עליהן לשמים משחרבה שילה עד שנבנה הבית שהיו הבמות מותרות לא סרו עתה ואע"פ שנאסרו משנבנה הבית והיו עונשים עליה כרת, עכ"ל.

וגבי יהושפט שהי' צדיק, נאמר (מלכים א' כ"ב, מ"ד) אך הבמות לא סרו עוד העם מזבחים ומקטרים בבמות - וכן גבי יהואש (מלכים ב' י"ב, ג') ויעש יהואש הישר בעיני ה' וגו' רק הבמות לא סרו וגו', וכן גבי עזרי' (מלכים ב' ט"ו ג') ויעש הישר בעיני ה' רק הבמות לא סרו וגו', וכן גבי יותם שהי' צדיק מופלג (כמבואר ברש"י דברי הימים ב', כ"ז ב', ויעש הישר בעיני ה' ככל אשר עשה עזיהו אביו הטובות שעשה אביו, וזהו שאמר ר' שמעון בן יוחאי במסכת סוטה אלמלא יהי' אברהם אבינו מקבל עליו כל עוונות הדור עד לו אני הייתי מקבל חטאי הדורות מאברהם עד לי, ואם הי' יותם בן עוזיהו עמי היינו מקבלים עלינו מאברהם ועד סוף הדורות וכו' עכ"ל עיי"ש) ואעפ"כ נאמר (מלכים ב' ט"ו ל"ד) רק הבמות לא סרו וגו' - עד חזקיהו המלך שאצלו נאמר (מלכים ב' י"ח ג') הוא הסיר את הבמות.

ובימי המהרש"ל זצ"ל נמצאו מכשולים של חלב תחת הנהגתו והנהגת שאר גדולים שבימיו, כמבואר בספר ים של שלמה, ושם במסכת חולין פרק גיד הנשה סימן י"ט כתב וז"ל, אני הגבר ראיתי שרוב המנקרים שלנו אע"פ שמחמירים בענין ניקור לחתוך אפילו מההיתר ובכל זאת נמצא הרבה פעמים שמקילין בחלב, לכן נהגתי בעצמו שלא לאכול בשר מנוקר עד שיבדוק הבשר ע"י עוד מנקר עכ"ל, עיי"ש.

ובכרתי (להגה"ק מוה"ר יונתן אייבעשיץ זצ"ל) כתב בסוף סימן ס"ה וזה לשונו, בזמן הזה יש להחמיר יותר שלא לסמוך על חזקת כשרות המנקר כיון דעכשיו רבו החומרות וכבד עליו הטורך ועל הרוב אינם בני תורה ואין לסמוך בניקור כי אם על בקי וירא ה' מרבים, עכ"ל.

עוד כתב וז"ל, מיום עמדי על דעתי שלמדתי הלכות ניקור להיות בקי בהן ובשמותיהן, לא סמכתי על מנקר כי אם מה שהייתי מנקר בעצמי ויגיע כפי אכלתי, עכ"ל.

ובספר צנה לדוד (להגאון מוה״ר דוד דייטש זצ״ל, מגדולי ספרי הניקור בשנת תק״ח) כתב וזה לשונו: ראיתי מנקרים חותכין בשר ואומרים זה חלב ועל חלב גמור אומרים שזה בשר, וכמה פעמים עמדו המנקרים ואומרים בחוצפה כך קבלנו וכך מנהגינו מקדם, והיינו בעיניהם כמתעתע באומרם **אם אמת אתך למה אין מזהירין לנו הרבנים אשר בארץ המה חכמי הדור על זה,** ואני בענייי אמרתי להם **בודאי חכמי הוראות לא ידעו מזה המכשול.** ועל מהנגד אני אומר דור תהפוכות המה ומנהגם לגיהנם, עכ״ל.

ובספר שו״ת בית יצחק (יורה סימן ס״ד) כתב אודות הרבנים שמשכו ידיהם מן המנקרים בשר מליתן השגחה עליהם וסומכין על המנקרים שלמדו איש מפי איש, ולפעמים גם רבי לא שנה ואם כן תלמידו מנין לידע, וגם בחלק הפנימי הכל ממשמשין בו נשים ועבדים וקטנים, ובפרט שוחטי זמנינו שלומדים דיני שחיטות ובדיקות מחדש ולקחו קבלה מהרב וענין ניקור לא ראו ולא ידעו כלום ועם כל זה לאחר שנתמנו לשו״ב עושים את עצמם למנקרים והעולם סומכין עליהם ואין מי שישגיח עליהם, והכל מפני שגם הרבנים בעלי הוראה אינם בקיאים בטוב ענין זה, על כן צריך הרב ללמוד בעצמו מקודם בטוב סדר הניקור בחלק הפנים, עכ״ל (מובא בהקדמה לספר גבעת פנחס).

ושם בספר גבעת פנחס הלכות ניקור כתב וז״ל, הרבה שנים שאני עוסק בענייני ניקור והייתי בהרבה עיירות גדולות וקטנות, וראיתי בעוה״ר שיש הרבה מכשולים ועוררתי עליהם וכולם נתנו לי טובת עין, עכ״ל.

ועיין בקונטרס דרכי חיים להר״ר רפאל ז״ל, משמש בקודש אצל מרן הקדוש בעל דברי חיים זי״ע, והקונטרס מפורסם לאמיתי (וידוע שגם הגה״ק מהרי״ד מבעלזא זי״ע הי׳ מעיין בו לפעמים) ובסופו מספר על מכשול בענין החֵלֶב תחת הנהגתו של הדברי חיים ובית דינו, אבל נחרדו תיכף לתקן המכשול.

וכבר הזהיר החפץ חיים זצ״ל בספרו דבר בעתו וזה לשונו, ומה מאוד יתמרמר על זה שבדבר תוכחה קלה הי׳ יכול להסתלק מכל אלו הדינים, ואל יתפתה בנפשו לומר, שבודאי לא יהי׳ הדין עליו לבד, כי אינו יחיד בעירו. כי לעומת זה תדע, כשנתחייב אדם בערבות גדולה לכמה עשרות אלפים דינרים, אפילו נתערבו אתו עוד כמה וכמה אנשים, מיהו כשמגיע לזמן התשלומים, אפילו אם יגיע עליו רק חלק מן הערבות, הוא עולה גם כן לסכום גדול, אשר יצר לו מאוד על ידי זה, ואף כאן בענינינו, לפי הידוע שכהיום נתרבה מאוד ענין אכילת איסורים, וכאשר תבוא לחשבון, יגיע לאלפי כזיתים של איסור, הנאכלים בשבוע אחד ובמקום אחד וכו׳ וכו׳. **וכל שכן אלו האנשים אשר יש בידם לזרז את אנשי עירם להחזיק במצוה זו של קדושת המאכלות, ולמנוע נפשות ישראל מאיסורים והתרשלו, בודאי עיקר האשמה תהי׳ עליהם,** וכדאיתא בתנא דבי אליהו כל מי שסיפק בידו למחות ולא מיחה ולהחזיר למוטב ואינו מחזיר, כל הדמים הנשפכים אינו אלא על ידו וכו׳, עיי״ש.

ונסיים בדברי הגאון שר התורה מוה״ר שלמה קלוגער זצ״ל, שכתב בספרו טוב טעם ודעת חלק א׳ בפתחי שערים, אודות השוחט רע מעללים מק״ק בארדיטשוב שזכה להרחיקו ולהעבירו מהשחיטה, וזל״ק: ״ללמד דעת לדורות אולי יזדמן עוד למעשה כזה ידעו איך להתנהג ולקיים החכמה תחיי בעליה בשני עולמות. **והלואי כד שכיבנא יפוק לקדמנא זכות זה מה שביערתי הרעה הזה מן העולם,** וכן יאבדו כל אויביך ה׳, ועלינו יערה רוח ממרום, עכ״ל.

ובודאי אם היו מכשולים תחת מלכות בית דוד כנ״ל, בזמן שצדיקים היו שולטים ולא הי׳ עולם של הפקר, ואם נמצאו מכשולים של חלב תחת הנהגתו של המהרש״ל

ווײנשטאָק האָט געגעבען פאַר׳ן רבי׳נ׳ס שטוב יעדע פאָר וואָכן עטליכע הונדערט עופות בחנם וואָס מען האָט גע׳שחט׳ן [אין הארטפארט, קאנעטיקעט ביי כשר בעסט פאָלטרי] פון 1,000 ביז 1,500 עופות אַ שעה איין שוחט, עטליכע שוחטים האבען גע׳שחט׳ן 500 ביז 600 אַ שעה.

**איך בין דארט געווען בשעת מעשה ומעשה שהיה כך היה:**

**ספעציעלע עופות פאַר די סאטמארער רביצין פאַר איר שטוב וואָס איז געווען אַ ריזיגער הכנסת אורחים שטוב, כידוע.**

די שחיטה אין ווילאמענטיג לעבן הארטפאָרד קאנטיקעט, איז געווען יעדן מיטוואָך פון 6:30 ביז 11:30 מיטאג צייט. איינמאל, אין 11:15 אַזייגער, אינמיטן די שחיטה, הער איך פון אַ שוחט פון די בני בית פון רבי׳ן שרייט, נעמט אַרויס אַ פרישן חליף, מ׳גייט שחט׳ן פאַר די [סאַטמאַרער] רעביצין, און און מען האָט ארויפגעלייגט אַ פאַפיר אויף די פאָרנדיגע קייט (טשעין-ליין). דאָס איז געווען אַ סימן אַז פון דאָ ווערלן באַלאַנגען די אלע עופות פאַר די סאַטמאַרער רביצין.

איך האב מיך פאָרגעשטעלט אז די שוחטים וואָס שחט׳ן פון 1,000 ביז 1,500 עופות אַ שעה און פליקן נישט קיין פעדערן פון האלדז, און שחט׳ן מיט איין דרסא, און אן אנדערער מיט איין הובאה, און מיט א הגרמה א.ד.ג. ווערלען פאַר די רביצין אוודאי שחט׳ן גאנץ אנדערש, מיט מער יראת שמים און מער אכטונג געבן אויף הגרמות א.ד.ג. אָבער איך געב אַ קוק און עס ווערט מיר שווארץ פאַר די אויגען, מען שחט אויף דעם זעלבן סיסטעם, גארנישט אנדערש, נאָר וואָס, מען האָט גענומען

---

ז״ל ושאר גדולים שבימיו, וכן בדורות שאחר כך תחת הנהגת גדולי עולם כמבואר לעיל, וכל ההמון חרד בלי הפקרות, למה לא יוכלו להמצא מכשולות גם בימי מרן מסאטמאר זצ״ל בלי ידיעתו בעולם של הפקר שבמדינת אמעריקע, מקום זייפנים ורמאים וקלים וריקים אשר אין לשום אדם שליטה עליהם ומי יאמר להם מה תעשה, ויכול להיות שלא ידע מרן ז״ל עם מי יש לו עסקים, וכמו שהיי׳ זה מציאות אצל משה רבינו ע״ה.

אַ פרישן חלף, און מען שחט מיט הגרמות מיט אַ דרסא, מען פליקט נישט קיין פעדערן.

יעצט, רבותי, וועט איר אביסל פארשטיין אַז ווען מען געט צו עסן פאַר די רעביצין אין שטוב אזויפיל עופות, בפרט די גרויסע הכנסת אורחים וואָס די רביצין זאָל זיין געזונט האָט איינגעפירט און פירט נאָך ווייטער אָן, און מען האָט באקומען בחנם פאַר די דינערס פון די ישיבה א.ד.ג. און מען האָט באקומען פון דעם קצב הידוע עטליכע אלפים יעדעס יאר כידוע, קען מען שוין פאַרשטיין פאַרוואָס דער קצב איז געווען מקורב ביים רבי'ן זצ"ל. דער סאטמארער רבי אליין האָט מברר געווען אַז ביי נעמען געלט פון די ציונים איז שייך כח הפועל בנפעל, כל שכן ביים עסן ווען מען באקומט בחנם, איז אוודאי שייך כח הפועל בנפעל, ווי די גמרא זאגט אין מסכת חולין ביי עובדי' (עיי"ש). אויך אין מסכת גיטין[2], דערציילט די גמרא ווי פאלגענד:

רב עמרם דער פרומער פלעגט האָבן צער פון די קנעכט פון ריש גלותא, די קנעכט האָבן אים אַמאָל געלייגט שלאָפן אויף די שניי. אויף מאָרגן האָבן די קנעכט געזאָגט צו אים "וואָס וויל דער רבי מען זאָל אים ברענגען", האָט רב עמרם געטראַכט "וואָס איך וועל זיי זאָגן וועלן זיי טאָן פאַרקערט, וועל איך זיי זאָגן פאַרקערט וועל איך האָבן וואָס איך וויל". האָט ער זיי געזאָגט אַז ער וויל רויטע מאָגערע פלייש געבראָטן אויף קוילן, און וויין געמישט מיט פיל וואַסער. האָבן די קנעכט אים

2) רב עמרם חסידא כי הוו מצערי ליה בי ריש גלותא הוו מגנו ליה אתלגא [דרך לאחוז לו חולה מחמת צנה כמפורש שם בגמרא ורפואתו בשרא שמינא אגומרא וחמרא חייא, פי' בלא מזיגת מים כמבואר שם בגמ']. למחר אמרו ליה מאי ניחא ליה למר דלייתו ליה, אמר הני כל דאמינא להו מיפך אפכי. אמר להו בישרא סומקא [כחוש] אגומרא וחמרא מרקא [מזוג במים הרבה]. אייתו ליה אינהו בישרא שמינא אגומרי וחמרא חייא, שמעה ילתא [אשת רב נחמן, והיתה בת הנשיא ואשת אב ב"ד וחשובה, כדאמרינן בהעור והרוטב דרב נחמן חתניה דבי נשיאה הוה] ומעיילא ליה לבי מסותא [מרחץ] ומוקמא ליה במיא דבי מסותא עד דמהפכי [מתהפכים מחמת זיעה אדומה היוצא ממנו ע"י בשרא שמינא וחמרא חייא] מיא דבי מסותא והוו דמא וקאי בישריה פשיטי [בהרות עגולות] פשיטי.

געבראַכט פעטע פלייש געבראָטן אויף קוילן און ריינע וויין אָן וואַסער, האָט ילתא, די ווייב פון רב נחמן, געהערט וואָס מען האָט געטאָן צו רב עמרם, האט זי געהייסן מען זאָל אים ברענגען אין אַ באָד און מען זאָל אים לאָזן שטיין אין די הייסע וואַסער פון באָד ביז די וואַסער פון באָד זענען געוואָרן רויט ווי בלוט, ווייל עס איז אַרויסגעגאַנגען פון אים רויטע שוויס פון די פעטע פלייש מיט די ריינע וויין וואָס ער האָט געגעסן און געטרונקען, און עס האָבן זיך באַוויזן אויף זיין קערפער ווייסע קיילעכדיקע פלעקן.

רב יוסף[3], אַז אים פלעגט קאַלט ווערן, פלעגט ער מאָלן די מילשטיינער ביז ער האָט זיך דערשוויצט. רב ששת, אַז אים פלעגט קאַלט ווערן, פלעגט ער טראָגן שווערע פעקלעך ביז ער האָט זיך דערשוויצט. רב ששת האָט געזאָגט "ווי גרויס און גוט איז אַרבעט אַז זי דערוואַרעמט דעם אַרבעטער". דער ריש גלותא האָט אַמאָל געזאָגט צו רב ששת "פאַרוואָס עסט ניט אַמאָל דער רבי ביי אונז", האָט רב ששת געזאָגט צום ריש גלותא "ווייל איר האָט ניט קיין גוטע קנעכט, זיי זענען אין חשד זיי זאָלן אָפּשניידן אַ שטיק פלייש פון אַ לעבעדיגע בהמה און קאָכן און אייך געבן צו עסן", האָט דער ריש גלותא געזאָגט צו רב ששת "ווער זאָגט דאָס אַז מיינע קנעכט וועלן אַזוי טאָן", האָט רב

---

3) רב יוסף איעסק [מתעסק] בריחיא [כדי שיתחמם ויזיע], רב ששת איעסק בכשורי [לשאת קורות ומשאות], אמר גדולה מלאכה שמחממת את בעליה.

א״ל ריש גלותא לרב ששת מ״ט לא סעיד מר גבן, א״ל דלא מעלו עבדי דחשידי אאבר מן החי, אמר ליה מי יימר אמר ליה השתא מחוינא לך, אמר ליה לשמעיה זיל גנוב אייתי לי חדא כרעא מחיותא, אייתי ליה אמר להו אהדמו לי הדמי דחיותא [סדרו לפני נתחי הבהמה לנתחיה אהדמו הנתיחו כלומר ערכו הנתחים] אייתו תלת כרעי אותיבו קמיה א״ל [ריש גלותא] הא בעלת ג׳ רגלים הואי פסיק אייתו חדא מעלמא אותיבו קמיה א״ל לשמעיה אותביה נמי להך דידך אותבה אמר להו האי בת חמש רגלים הואי א״ל אי הכי [משום דחשידי הוא] ליעבדו קמיה דמר [כלומר קמי שמעיה דמר יסדרו המאכל בהיתר] וליכול, א״ל לחיי קריבו תכא [שלחן] קמיה ואייתו קמיה בישרא ואותיבו קמיה וריסתנא דחנקא חמתא [עצם קטן שעל כף הירך שאָדָם בּוֹלְעוֹ וְנחנק משום דרב ששת סגי נהור הוה ולא יראנו ויאכל ויחנק], גששיה ושקלה כרכה בסודריה [משה והרגיש באותו עצם, שקל כל החתיכה וכרכה בסודריה].

ששת געזאָגט צום ריש גלותא "איך וועל דיר ווייזן אַז עס איז ווי איך זאָג". האָט רב ששת געזאָגט צו זיין באַדינער "גיי גנב'ע און ברענג מיר אַ פוס פון אַ בהמה וואָס עס ליגט צושניטן ביי דעם ריש גלותא", האָט דער באַדינער געבראַכט, דערנאָך האָט רב ששת געזאָגט צו די קנעכט פון ריש גלותא "צושניידט די בהמה און ברענגט אַהער אַלע שטיקער און שטעלט צוזאַמען אַלע שטיקער אַזוי ווי עס איז געווען פריער פאַר דעם צושנידן", האָבן די קנעכט געבראַכט דריי פיס און האָבן געלייגט פאַר רב ששת, האָט רב ששת צו זיי געזאָגט "האָט דען די בהמה געהאַט מער ניט ווי דריי פיס"? זענען די קנעכט געגאַנגען און האָבן אָפּגעשניטן אַ פוס פון אַ לעבעדיקע בהמה, און האָבן געבראַכט פאַר רב ששת, האָט רב ששת געזאָגט צו זיין באַדינער "לייג אַנידער די פוס וואָס דו האָסט גענומען אויך", האָט ער זי אַנידערגעלייגט, האָט רב ששת געזאָגט צו די קנעכט "האָט די בהמה געהאַט פינף פיס"? האָט מען אויסגעוויזן אַז זיי געבן עסן טריפות, האָט דער ריש גלותא געזאָגט צו רב ששת אויב דער רבי וויל ניט עסן ביי אונז דורך די קנעכט, וועלן די קנעכט מאכן דאָס עסן פאַר דעם רבי'ס באַדינער, דער באַדינער וועט זעהן אַז עס איז כשר געמאַכט געוואָרן, וועט דער רבי מעגן עסן. האָט רב ששת געזאָגט "איך וועל עסן", האָט מען פאַר אים געשטעלט אַ טיש, און מען האָט געבראַכט פאַר אים פלייש, און מען האָט געלייגט פאַר אים אַ חלק פלייש מיט אַ ביינדל, און רב ששת איז געווען בלינד, האָבן זיי געטראַכט אַז ער וועט געוויס אַראָפּשלינגען דעם ביינדל וועט ער דערוואָרגן ווערן. רב ששת האָט אַרומגעטאַפּט די שטיקל פלייש, האָט ער געפונען אינעווייניג דעם ביינדל, האָט ער גענומען די גאַנצע שטיקל פלייש און האָט איר איינגעוויקלט אין זיין פאַטשיילע.

דערנאָך[4] ווי מען האט אָפּגעגעסן האָט מען געזאָגט צו רב ששת ביי אונז איז גע'גנב'עט געוואָרן אַ זילבערנער כוס [ווייל

4) לבתר דאכיל אמרי ליה [לריש גלותא] איגניב לן כסא דכספא [שהיו רואים אותו כורך בסודריה ורוצים לבדוק מהן] בהדי דקא מעייני ואתי אשכחוה דכרוכה בסודריה

זיי האָבן געזען ווי ער וויקלט עפּעס איין אין די פּאַטשיילע, און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס, דעריבער האָבן זיי געזאָגט "עס איז גע'גנב'עט געוואָרן אַ זילבערנער כוס" מען זאָל ביי אים זוכן, וועט מען געפינען וואָס ער האָט באַהאַלטן]. זוכנדיק ביי אים האָבן זיי געפונען די איינגעוויקלטע שטיקל פלייש, האָבן זיי געזאָגט צום ריש גלותא "איצט זעהן מיר אַז דער רבי האָט גאָר ניט געוואָלט עסן, ער האָט געוואָלט מיר זאָלן האָבן צער", האָט רב ששת צו זיי געזאָגט "איך האָב יאָ געגעסן נאָר איך האָב פאַרזוכט די פלייש און עס איז געווען פון אַ קראַנקע בהמה", האָבן די קנעכט געזאָגט צו רב ששת "מיר האָבן היינט ניט געשאָכטן קיין קראַנקע בהמה", האָט רב ששת געזאָגט צו די קנעכט "זוכט אויף דעם אָרט וואו איך ווייז אייך, פון וואַנען איר האָט אויסגעשניטן די שטיקל פלייש וואָס איר האָט מיר געגעבן", וואָרום רב חסדא האָט געזאָגט אַז מען געפינט אַ שוואַרצן פלעג אויף אַ ווייסע פעל, אָדער אַ ווייסן פלעק אויף אַ שוואַרצע פעלק איז דאָרט געווען אַ מכה, איז די פעל געענדערט געוואָרן. האָט מען געזוכט און מען האט געפונען אַזוי ווי רב ששת האָט געזאָגט. ווען רב ששת איז אַרויסגעגאַנגען פון ריש גלותא האָבן די קנעכט געגראָבן אַ גרוב אויפ'ן וועג, און זיי האָבן באַדעקט אַ ראָגאָזע [טאַפּעט] אויף דעם גרוב, און זיי האָבן געזאָגט צו רב ששת "קום רבי מיר וועלן דיך פירן אָפּרוען" איז רב חסדא געגאַנגען אונטער רב ששת און האָט אַ

---

(אמר) [אמרי] ליה חזי מר דלא מיכל קא בעי אלא לצעורן אמר להו אנא מיכל אכלי [וטעמו טעמתי] וטעמי ביה טעמא דחיורא [בשר בעלת שחין], אמרי ליה חיורא לא עביד לן האידנא [לא שחטנו היום בהמה בעלת שחין], אמר להו בדקו בדוכתיה [בעור (היו בודקין) במקום ריסתנא זו בכף הירך ותמצאנו בעור שהוא לבן] דאמר רב חסדא אוכמא בחיורא וחיורא באוכמתא לקותא היא [טלאי לבן בעור שחור לקותא היה שם בבשר ונהפך העור ללבן], בדוק אשכחוה, כי קא נפיק כרו לי בירא [חפרו גומץ שיפול בו] ושדו ליה צפיתא עילויה [השליכו מחצלת ע"פ הבור כדי שלא יבין מושבו] ואמרי ליה ליתי מר לינח [לשכב במושבו] נחר ליה רב חסדא [עשה לו סימן כמו נחרת סוסיו] אמר ליה [רב ששת] לינוקא פסוק לי פסוקיך אמר ליה (ש"ב ב) נטה לך על ימינך או על שמאל [פסוק הוא בעשהאל], א"ל לשמעיה מאי קא חזית א"ל ציפתא דשדיא א"ל הדר מינה [חזור מעליה לימין או לשמאל] לבתר דנפק א"ל רב חסדא מנא הוה ידע מר א"ל חדא דנחר לי מר ועוד דפסק לי ינוקא פסוקא ועוד דחשידי עבדי דלא מעלו.

הוס געטאָן, וואָרום רב חסדא האָט פאַרשטאַנען אַז מען האָט דאָ געוואלט עפּעס טאָן, האט רב ששת געזאָגט צו אַ קינד "זאָג דיין פּסוק", האָט דער קינד געזאָגט "אבנר האָט געזאָגט צו עשהאל נייג אָפּ פון וועג און גיי אויף די רעכטע אָדער אויף די לינקע זייט", האָט רב ששת געזאָגט צום באַדינער "וואָס זעסטו?" האָט דער באַדינער געזאָגט "איך זע אַ ראָגאָזע [טאָפּעט] ליגט, האָט רב ששת געזאָגט צום באַדינער "גיי אַוועק פון די ראָגאַזשע [טאָפּעט] רעכטס אָדער לינקס, ווי רב ששת איז אַריבערגעגאַנגען האָט רב חסדא געזאָגט צו רב ששת "פון וואַנען האָסטו געוואוסט ניט צו גיין אויף די ראָגאָזע [טאָפּעט]?" האָט רב ששת געזאָגט צו רב חסדא "ערשטנס ווייל דו האָסט אָ הוס געטאָן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָ מוז עפּעס זיין. צווייטנס, דער קינד האָט מיר געזאָגט אָ פּסוק אַז מען דאַרף גיין לינקס אָדער רעכטס, און דריטנס, ווייל די קנעכט זענען ניט גוטע וואָלט איך אַליין אויך געטראַכט טאָמער האָבן זיי געמאַכט עפּעס אַ שטרויכלונג אין וועג".

דער סאטמארער רבי זי"ע האָט אַלץ געזען פאָראויס און געהייסן אריינשרייבן אין די תקנות פון די התאחדות הרבנים אַז מען זאָל נישט געבן קיין שום השגחות, ווייל ער האָט געוואוסט אַז הכסף יטהר ממזרים, אָבער מען זעט דאָך ווי מעשה בעל דבר הצליח צו פאַרנאַרן דעם רבי"ן מיט די הכשרים פון די התאחדות אויף די שחיטה, און אויף הונדערטער הכשרים.

ווי אַזוי און פאַרוואס האבען די שטוב מענטשן פאַרפירט דעם סאטמארער רבין זצ"ל ער זאָל מסכים זיין אַז די התאחדות הרבנים זאָל געבן הכשרים אויף הונדערטער פּראדוקטען, וחֵלֶב בתוכם, וואָס דאָס איז געווען לכתחילה אַקעגען זיין רצון, און ווי אַזוי האָט דער סאטמארער רבי געהייסען פאַר'ן דעברעצינער רב, ער זאָל אויפגעבען זיין גאנצן מלחמה-פראָנט אויף כשרות איבער גאנץ אמעריקע? דער סאטמארער רבי איז דאָך געווען כל ימיו אַ געוואלדיגער קנאי אין אַלע ענייני היהדות, איז ווי אַזוי האָט פּאסירט אזא זאך?

**דער תירוץ איז:**

די שטוב מענטשן האבן דערציילט פאַר׳ן רבי׳ן אַז די ציונים האבן געמאכט אַ וועד הכשרות, בראש מיטן דעברעצינער רב, און זיי ווילן חרוב מאכן דאָס גאנצע אידישקייט, און עס איז נישט דאָ קיין אנדערע ברירה ווי אז די התאחדות הרבנים זאָל גרינדן אַ בית דין מיוחד לעניני כשרות, און די משרתים האָבן געוואוסט אַז ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ענין פון ציונות איז דאָך גאָרנישט שייך, ווייל דאָס איז דאָך ערגער ווי עבודה זרה, און עס גייט דעם רבי׳ן בנפשו, ממילא איז דאָס גרינדן אַ בית דין מיוחד געוואָרן אַן ענין פון הצלת הכלל, הגם וואס איינע פון די תקנות פון רבי׳ן בשעת מ׳האט געגרינדט די התאחדות הרבנים איז געווען אז די התאחדות הרבנים זאל נישט געבן קיין השגחות, ווייל אז נישט וועלן זיי האבן א פנים ווי די אגודת הרבנים. (איך האב געזען דעם פראטאקאל פון די התאחדות הרבנים, פון הגה״צ ר׳ אברהם מאיר איזראעל זצ״ל, בעמח״ס ילקוט המאירי על הש״ס ושו״ת ויען אברהם על ד״ח שו״ע. אויך ליגט דער פראטאקאל ביים כ״ק אדמו״ר מקאשוי שליט״א).

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען דער וועד הכשרות איז אַרויס אָקעגן די שחיטה. זיי האָבן באַרירט די שחיטה פון די ״אָ-יו״, און באַשריבן דעם גאַנצן סיסטעם פון די שחיטה, אויך פון די היימישע. נאך דעם וואס זיי האבן פראבירט מיט אלע אופנים פון טערארר וכו׳, האבן זיי שוין נישט געהאט קיין ברירה, נאר זיי האָבן געלאָזט רופן דעם דעברעצינער רב צום סאטמארער רבי׳ן, און דער רבי האָט איהם געהייסן אויפגעבן דעם וועד הכשרות.

ווען דער דעברעצינער רב האָט געפרעגט, וואָס הייסט, מען איז דאָך מאכיל טריפות אין גאנץ אמעריקע און ווער וועט דאָס איבערנעמען, ווער וועט מלחמה האלטן קעגען זיי, ווער וועט מתקן זיין דאָס כשרות, מיר האבען אלע ערליכע רבנים וואָס ארבעטן מיט אונז, ווי פאפא רב, קאשויער רב וכו׳, האָט דער

רבי געענטפערט אַז מען דאַרף זען מתקן צו זיין בצנעה, ווייל בפרהסיא שטערט דאָס אידישקייט אין די מלחמה קעגן ציונות. האָט דער דעברעצינער רב געזאָגט, אויב דער רבי נעמט דאָס אויף זיך, אויפן אייגענעם אחריות, געב איך אלעס אויף. און דער דעברעצינער רב האָט טאַקע אויפגעגעבן דעם וועד הכשרות. אָבער דער מדריך איז נאָך אַרויסגעקומען מיט נאָך 14 עקזעמפלאַרן, אָבער אָן די אויפזיכט פון דעברעצינער רב און זיין נאָמען, נאָר עס איז געשטאַנען בהתייסדות פון דעברעצינער רב שליט״א.

יעצט, רבותי!!! טראכט אליין אריין ווי מען האָט געקענט דעם רבין אַזוי טוהן ווייל ער איז נישט געווען געזונט. ער האָט גאנץ גוט פאַרשטאנען וואָס מען האָט איהם געזאגט, דאָס איז אלעס נאָר געווען ווייל די שטוב מענטשן האָבען איהם איינגערעדט און געצאפט דאס בלוט יאָרן לאַנג.

*

# צוויי שוחטים נעמען אהיים פעטע ווערדזשעס יעדע וואך פון סאטמארער בוטשער סטאָר

עס איז באוואוסט אַז דער היינטיגער סאטמארער רבי, בשעת ער האָט איבערגענומען זיין מלוכה, האָט ער נאכגעקוקט אלע ביכער וכו׳, ביז ער איז אנגעקומען צום סאטמארער בוטשער סטאָר, האָט ער געזען אז צוויי שוחטים נעמען אהיים פעטע טשעקס יעדע וואך פון בוטשער סטאָר, יאר איין יאר אויס, און די ריזיגע הכנסות וואָס מען האָט כסדר מפרסם געווען אַז דאָס איז אויפצוהאַלטן דעם רבינ׳ס מוסדות, און מען האָט

פאַר דעם געדרוקט פון רבי'ן דוקא דאָרט צו קויפן, איז געווען שקר, נאָר די אַלע געלט איז געגאַנגען אין פריוואַטע קעשענעס. האָט ער געמאַכט אַ ויצעקו, וואָס הייסט? ! ! ! האָניג? איך וויל די האָניג פאַר מיר (און דאָס איז באַוואוסט פאַר דעם גאַנצן סאַטמאַרער עולם), אָבער דאָס אַרט מיך בכלל נישט.

# וואָס האבן געטוהן די שותפם של עמלק?

**מען פאַרנאַרט אַ ציבור אידען מיט נבילות וטריפות עופות. מען טוישט די פלאמבעס אקעגען דעם רצון פון אידן יראים ושלמים וואָס ווילען נאָר עסען כשרע עופות אויף דעם סמך וואָס דער סאטמארער רבי האָט געהייסען קויפען אין זיין בוטשער סטאָר. די שטאט קראקא חזר'ט זיך איבער אין די סאטמארער בוטשער סטאָרס און אין די אנדערע היימישע געשעפטן.**

אַזוי ווי איינער פון די שותפים האָט אנגעפירט מיט אַ שחיטה אין הארטפאָרד, וואו מען האָט געשאָכטען בערך 13,000 עופות יעדע וואך (אין פיר אַ האלב שעה צייט, נאָר 2 שוחטים) און עס פאַרשטייט זיך אַז די עופות פון הארטפאָרד זענען געווען כמעט דער האלבער פרייז פון די עופות פון נאָרט 4, וואָס האבען די קצבים שותפם של עמלק געטוהן?

זיי האבן גענומען פאַרן סאטמארער בוטשער סטאָר אָט די עופות פון הארטפאָרד, און מען האָט אַראָפּגעריסן די פלאָמבעס פון באַטערער רב און ארויפגעלייגט די פלאָמבעס פון התאחדות הרבנים (וואָס ווי אויבן דערמאנט האָט די התאחדות געגעבן אַ הכשר נאָר אויף די שחיטה אין נאָרט 4). אַזוי האָט מען געטוהן יאָרן לאנג, ביז מען האָט אַמאָל פאַרגעסן אַראָפּצונעמען די פלאמבעס און מען האָט זיי געשיקט די עופות מיט די פלאמבעס פון הארטפאָרד [כשר בעסט קאמפאני], און עטליכע וואָס האבען מיך געקענט האבען מיך געפרעגט וואָס איז דאָס? האב איך זיי מסביר געווען אַז אויב איר זעט איין פליגל איז צוריסן די הויט פון די פליגל, און אויף די אנדערע פליגל אַ פלאמבע איז אַ

סימן אַז דער עוף איז געשאכטן געווארן ערגעץ אנדערש, און מען האָט אראפגענומען אט די פלאמבע, און ארויפגעלייגט אן אנדערע פלאמבע.

איך האב זיי געהייסן מפרסם זיין די מעשה, פונקטליך ווי אַזוי עס ארבעט, ביז דער עולם איז געוואויר געווארען פון די גאנצע מעשה, ווי אַזוי מען האָט זיי יארן לאנג פאַרנארט. ווי עס איז באוואוסט האבן געוויסע שוחטים גע׳שחט׳ן אין הארטפאָרד פון 1,200 און מער, אַזוי ווי עס איז דעמאלס ארויס דער באוואוסטער בריוו פון היינטיגען סאטמארער רבי׳ן, מיט נאָך אַ בעל מכשיר וואָס איז היינט שוין נישט בין החיים.

*

## וועלכער בריוו איז דער אמת׳דיגער (מעיק אפ יור מיינד!!!)

איך מוז אייך באטאנען, ר׳ צבי דוד, אַז אין היינטיגן דור קענען די רבנים, בפרט די רבנים המכשירים פון סאַטמאר, ארויסגעבן בריוו און מודעות, נישט נאר אפענע שקרים, נאָר אויך וואָס איין בריוו מיט׳ן צווייטן זענען ממש אַ סתירה.

למשל: דער אויבנדערמאנטער בריוו, וואָס די צוויי רבנים מכשירים האָבן מתיר געווען אויף זייער אחריות צו שחט׳ן 900 עופות אין איין שעה, און ער מעג שחט׳ן אויב ער קען 1,200 עופות איין שוחט אין איין שעה. [אדרבה! פרעגט זיך נאָך ביי די שוחטים], און שפעטער, מיט 10 יאָר בערך, האָט די התאחדות געשריבן אַ מודעה אין ״דער איד״, אַז עס איז אַרויס אַ קול רינון אז איין שוחט שעכט 1,000 ביז 1,500 עופות איין שוחט אין איין שעה, און די אַלע רבנים שרייבן אונטער אז עס

איז נישט קיין מציאות בשום אופן בעולם פאַר איין שוחט צו שחט'ן מער ווי 600 עופות אין איין שעה צייט. יעצט, עולם גולם וואָס לייענט דעם "איד" טראַכט ביי זיך אַריין, אויב עס שרייבן אונטער 10 ערליכע רבנים גדולי ישראל, פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט גלייבן?

אָבער דעם אמת קען מען דאָך זעהן לויט דעם רעפּאָרט פון די גאָווערנמענט, וואָס ווייזט פונקטליך וויפיל עס ווערט גע'שחט'ן יעדן טאג, חודש, יאר, ווי איך האב דאָס שוין לאנג געדרוקט אין צייטונג, און אויך אין די חיבורים. אויך קענט איר פרעגן יעדן "אָ-יו" שוחט וועט ער אייך זאגן דעם אמת. אויך קענט איר פרעגן 600 גוים וואָס ארבעטן אין גרויסע שחיטה פלעצער, וועט יעדער פשוטער גוי זאגען דעם אמת, נאָר די רבנים פאַר געלט און כבוד פירן דעם גאנצן כלל ישראל כצאן לטבח. (וועגן דעם בריוו פון בי"ד פון ירושלים, זעה ספר עמק הבכה פרק ב' ופרק ג' באריכות).

*

# מעשה ב.

### מען פאַרנאַרט דעם סאַטמאַרער רבי'ן אליין

דער סאטמארער רבי זי"ע האָט גערופן ביי זיך אין שטוב אַן אסיפה און מען האָט זיך געוואַשן צו אַ סעודה, מען האָט געגעבן געברוילטע טשיקן, און ביי די סעודה איז געווען דער יועץ הראשי פון סאטמארער רבי'ן, דער קיוויאשדער רבי שליט"א וואָס וואוינט היינט אין פאַרעסט הילס. (צוליב די מעשה וואָס מיר ווען אי"ה שפעטער שרייבן). דער קיוויאשדער רבי רירט נישט אָן די עופות. עס איז געזעסן נעבן

איהם אַ רב פון די זקני הדור אַ פוסק גדול, און פרעגט איהם, היתכן? דו עסט נישט ביים רבין אין שטוב? האָט דער קיוויאשדער געענפערט, אַז די עופות זענען דאָך שחוטי חוץ וואָס איך אליין האב אונטערגעשריבן אַן איסור דערויף, און דער רבי מיט נאָך 20 גדולי ישראל האבען דאָס גע׳אסר׳ט און איר ווילט איך זאָל דאָס עסן?

דער אנדערער רב האָט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן. נאָך דעם וואָס ער האָט אויך נישט געגעסן, האָט ער דערציילט פאַרן סאטמארער רבי׳ן בשם אומרו אז די עופות וואָס מען האָט דאָ געגעבן איז געווען שחוטי חוץ.

דער סאטמארער רבי האָט געלאזט רופן איינעם פון די מנהלים וואָס לעבט שוין נישט היינט און האָט איהם געפרעגט, היתכן? דער מנהל האָט געשטעלט אַ פנים ווי כאילו ער ווייסט גארנישט, און האָט געפרעגט דעם רבין פון וואו ווייסט דער רבי אַז די עופות זענען געווען די עופות, האָט דער רבי געזאגט אַז דער און דער רב האָט אים געזאגט בשם דעם קיוויאשדער רב.

דער מנהל האָט באלד אנגערופען דעם קיוויאשדער רב און האָט איהם געזאגט, היתכן? דו האסט דערציילט פאַרן רבין? האָט דער קיוויאשדער רב געפרעגט: היתכן מען האָט אריינגעברענגט שחוטי חוץ? האָט דער מנהל געענטפערט, אַז מען האָט דאָס באקומען בחנם פון די הויפט קצבים שותפם של עמלק.

*

# מעשה ג

### ווי אַזוי האָט מען באקומען אזויפיל אַננעמערס פאַר די פלייש געשעפט?

וויינשטאק איז אריין אויפן סטאק מארקעט, אלע שוחטים און אַרבעטערס האָבן אַריינגעלייגט אַ סאַך געלט אין דעם סטאק. די שוחטים האבן געארבעט מיט אלע כוחות צו העלפן בויען די ביזנעס.

איינער פון די שוחטים האָט זיך אויפגעטוהן דאָס ער האט איינגעלייגט האלב געלט ביים גרינדן די גרויסע שחיטות, און פונקטליך ווי אַזוי ער האָט אויפגעשטעלט די גאנצע ביזנעס. עס איז זייער ענליך צו די שטאט קראקא.

בשעת איך בין געפאָרן מיט די שוחטים צו די שחיטה האב איך געהערט אַז וויינשטאק איז אריין אין סטאק מארקעט. איך האב דעמאלט בכלל נישט פאַרשטאנען וואס דאָס מיינט, מען האָט מיר פונקטליך מסביר געווען ווי אַזוי דאָס אַרבעט, און וויפיל עס קאסט אַ סטאַק, און די שוחטים האבן זיך פאַר מיר אויפגעטוהן וויפיל יעדער האָט איינגעקויפט פון דעם סטאק און מען האָט מיר מסביר געווען אַז עס איז אַ גרויס ענין יעדער סטאק וואָס מען קויפט, ווייל אזוי וועט זיך די ביזנעס בעסער בויען, און עס האט זיך אנגעפאנגען אַ געיעג יעדער זאָל קויפן דעם סטאק. אָן אַ שיעור אידן האבן איינגעקויפט פון דעם סטאק, און אַזוי האָט די פלייש אימפעריע באקומען אַ ריזיגן כח. עטליכע הונדערט משפחות וואָס האבן איינגעקויפט פון דעם סטאק, אחוץ וואָס יעדער ארבעטער האָט געמוזט קויפן פאַר א געוויסן סכום, ווען מען האָט מיר אויך געהייסן קויפן, האב איך געזאגט אַז איך לערן אין כולל, און איך שחט נאָר איין טאג א וואך און דאָס איז מיין גאנצע פרנסה, איך האב נישט קיין איין איבריגע פרוטה.

# מעשה ד

**הרב באבאד זצ"ל כאפט אַז וויינשטאק האָט געשיקט אין זיין קעיטערינג פלאץ טריפה'נע לעבער קנישעס.**

**מעשה שהיה כך היה:**

הרב באבאד ז"ל האָט געגעבן אַ הכשר אויף אַ קעיטערינג פלאַץ אין מאַנהעטן. איינמאל ווען ער איז געקומען באַקוקן דעם פלאץ האָט ער געזען ווי מען האָט דעליווערט לעבער קנישעס וואָס געוועגליך איז געשטאנען דערויף א נאמען פון וויינשטאק'ס ביזנעס. יעצט איז געשטאנען דערויף אַ נאמען פון אַ גויאישע קאָמפאני. הרב באבאד פרעגט דעם גוי, פון וואו האסטו געברענגט די קנישעס? האָט דער גוי געענטפערט אז דאָס ער האָט געברענגט פון אַ געוויסע קאמפאני. הרב באבאד האָט אויסגעפונען אַז דאָס איז אַ געהעריגע גוי'אישע קאמפאני, ממש נבילות רח"ל.

הרב באבאד שליט"א האָט אנגערופן צו וויינשטאק אַז ער זאָל איהם שיקן אנדערע לעבער קנישעס, ווייל די קנישעס זענען נישט מיט אַ הכשר, ער האָט פונקט נישט געהאט קיין אנדערע. הרב באבאד איז אריבער צום סאטמארער רבין זצ"ל און האָט איהם דערציילט די גאנצע מעשה.

דער רבי רופט עזריאל גליק און דערציילט איהם וואָס הרב באבאד האָט איהם דערציילט. ענטפערט עזריאל גליק, דער רבי ווייסט נישט? דער רבי ווייסט נישט?

דער רבי איז שוין זייער נייגעריג: וואָס ווייס איך נישט? און אַזוי האָט עזריאל אָנגעצויגן דעם רבי'ן ביז ער האָט דערציילט אַז הרב באבאד מאכט זיך יעצט אַ קאמפאני פון לעבער קנישעס, ממילא וויל ער מפרסם זיין אַז אונזערע לעבערס זענען טריפה, כדי זיינע לעבער ביזנעס זאָל בעסער גיין. דער רבי רעגט זיך אויף, וואָס, הרב באבאד זאָל מיך וועלן אַזוי

פאַרנאַרען, עס איז ממש נישט צו גלייבען? האָט זיך אנגערופען עזריאל: וואָס טוט מען נישט פאַר ביזנעס.

נאָך דעם וואָס די מעשה איז געשען, איז וועלכער רב פון די מקורבים פון התאחדות הרבנים זענען אריינגעקומען צום רבי'ן, האָט זיי דער רבי דערציילט ווי הרב באבאד האָט איהם געוואלט אַזוי אויסנאַרן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. די אלע רבנים וואָס זענען געווען היימיש מיט הרב באבאד האָבן אים איבערדערציילט די מעשה, און הרב באבאד האָט דערציילט פאַר אלע רבנים און ידידים די מעשה, ביז עס איז באוואוסט ביי א סאך אלטע רבנים.

*

# מעשה ה

**דער סאטמארער רבי רופט צוזאמען אן אסיפה פון 70 גדולים צו אסר'ן די פסקים פון הרה"ג ר' משה פיינשטיין זצ"ל, ווען ער איז ארויס מיט זיינע באוואוסטע היתרים וואס א סאך גדולים האבן דאָס גע'אסר'ט.**

**צוליב די לעבער קנישעס מיט חלב ישראל איז ר' משה געראטעוועט געווארען.**

דער סאטמארער רבי האָט גערופען אן אסיפה ארויסצוקומען מיט אן איסור (כמו חרם) אַקעגן ר' משה פיינשטיין, צוליב זיינע היתרים הידועים. די הנהלת התאחדות האָט געהאט אַ כח אונטערצושרייבן פאלשע מודעות צו פאַרנאַרן דעם עולם און מתיר זיין שחיטות פון 1,000 אַ שעה, און מתיר זיין חלב ודם, וואָס ביי די באוואוסטע אסיפה פון 3 שעה איז דורך די טעיפס נתגלה געווארען קלונם ברבים, ווי מען האָט דעם סאטמארער רבי'ן מיט אלע אידן אינאיינעם פארנארט

און מאכיל געווען בהמות פול מיט סירכות, און פארקויפט אלס גלאט כשר אלע יארן, ווי דער היינטיגער סאַטמאַרער רב האָט אַליין געזאָגט פאַר די רבנים אַז מען פאַרקויפט די גאַנצע שטאָט פלייש מיט סירכות און מען נאַרט זיי אָפּ אַז עס איז גלאַט, ווייל עס איז אוממעגליך צו האָבן אַזוי פיל גלאַט פלייש (זע טעיפּ הנ"ל). און דאָס זעלבע מיט חלב, ווען זיי אַליין האָבן מודה געווען ברבים פאַר 60 רבנים אַז עס איז דאָ חלב, און מען מאַכט אַ פלאַן ווי אַזוי צו פאַרנאַרן דעם עולם. און אַזוי האָט מען געמאַכט אַ חרם אויף אַ צדיק וקדוש ווי ר' אהרן קאַצינעלבויגן שליט"א. שומו שמים!!! ממש מעשה שבתי צבי ימ"ש. פונקט ווי ש"צ האָט פאַרנאַרט אַלע גדולי ישראל, אַזוי האָבן די התאחדות הרבנים וכת דיליה פאַרנאַרט דעם רבי'ן מיטן כלל ישראל.

דער רבי האָט געהאלטן אינמיטן די שארפע דרשה קעגן ר' משה פיינשטיין זצ"ל. אינמיטן די דרשה קומט אריין הרב ביק און גיט אַ קלאַפּ אין טיש, און זאגט, איך וויל פרעגען 3 שאלות.

1. די טריפה'נע לעבער קנישעס איז נישט אַזוי הארב? דאָס טוט נישט פאַראומרייניגן טהרת וקדושת ישראל ווען מען עסט זיך אָן מיט טריפות ממש, ווי דער רמב"ם זאגט אַז 70 טויזנט אידן זענען ארויס פון דת וועגן טריפות ונבילות.

2. די חלב ישראל האט 6 פאַרמס וואָס איינס פונעם אנדערן איז ווייט א סאך שעה'ן צייט, און אין אלע פאַרמס מעלקט מען אין די זעלבע צייט, איז ווי אַזוי קען זיין אַז איין משגיח זאָל קענען אַכטונג געבן אויף אַזוי פיל פאַרמס אויף איין מאָל אין דער זעלבער צייט. דאָס איז חלב ישראל?

און אַזוי האָט ער געפרעגט אַ דריטע פראַגע, און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען.

דער איסור איז שוין נישט אַרויס, און ר' משה זצ"ל איז געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק הרב ביק.

נאָך 2 וואכן האָט דער סאטמארער רבי געלאזט רופן הרב ביק און האָט איהם געזאגט אַזוי:

1. אַז מען האָט גע׳קנס׳עט וויינשטאק מיט $5,000 קנס ער זאָל געבן פאַר די ישיבה, און עס וועט זיין להבא א שטרענגע השגחה [וואָס אגב ר׳ ליפא פרידמאן ז״ל האָט געזאגט אַז ער האָט קיינמאָל נישט באצאלט די $5,000 פאר די ישיבה, און ער האט ווייטער מאכיל טריפות געווען].

2. אז מען האט צוגעשטעלט ביי די מילך נאך צוויי משגיחים.

# מעשה ו

**דעם קיוויאשדער רבינ׳ס שווער פון וויליאמסבורג הרב שפירא זצ״ל, איז מעורר דעם סאטמארער רבין וועגען די נבילות וטריפות. דער סאטמארער רבי ווארפט אים ארוים מיט קולות וברקים**

**מעשה שהיה כך היה:**

ביים קיוויאשדער רבין האָט געדאוונט דער סאטמארער ראש הקהל, ר׳ יואל קליין ע״ה. ער האָט געהאַט אַ בוטשער סטאָר, און געקויפט די פליישן ביי וויינשטאָק׳ן. ויהי היום, ר׳ יואל דער בוטשער קומט צום קיוויאַשדער רב און דערציילט אים אַז וויינשטאָק האָט אים דעליווערט טריפה׳נע פלייש אָן קיין שום פלאָמבע. ער האָט טעלעפאָנירט צו וויינשטאָק אַז ער זאָל דאָס אים טוישן, און אַזוי איז פאָרגעקומען עטליכע מאָל.

דער קיוויאַשדער רב האָט גערופן זיין איידעם און דערציילט אים די מעשה, און זאָגט אים אַז ער וויל אַז דער איידעם זאָל מיט אים מיטקומען צום סאַטמאַרער רבי׳ן. דער איידעם זאָגט אים, שווער טייערער, איך האַלט אַז דער שווער זאָל נישט גיין, ווייל דער שווער וועט מיאוס אָפשניידן! רופט זיך אָן דער קיוויאַשדער רבי, וואָס הייסט, דו האַלטסט נישט אַז דער סאַטמאַרער רבי איז דער צדיק הדור? ווי קענסטו אפילו אַנדערש טראַכטן?

דער קיוויאַשדער רבי האָט בכבודו ובעצמו געמוזט גיין אַליין. ער קומט אַריין צום רבי'ן און דערציילט דעם רבי'ן אלעס. דער סאַטמאַרער רבי איז אויפגעשפרונגען מיט אַ כעס, וואָס הייסט דו רעדסט אויף אונזער שחיטה? אין אייראָפּע איז נישט געווען אַזאַ שיינע שחיטה (אַזוי האָבן אים זיינע נאָענטע געטרייע ידידים שוחטים שותפים און רבנים מקורבים איינגערעדט).

רופט זיך אָן דער קיוויאַשער רב זצ"ל, רבי, וואָס שרייט איר? איר האָט דאָ דעם בוטשער, אייער ראש הקהל, ער קומט צו מיר און שרייט געוואלד, נעמט אים אהער און פרעגט אים, וואס שרייט איר?

דער רבי פאנגט אן צו שרייען: עס קען נישט זיין!

האָט זיך אָנגערופן דער קיוויאַשדער רב, אַז דער רבי זאָל וויסן אַז אַ סאַך גרויסע צדיקים פון די פריערדיגע דורות האָבן די שטוב מענטשן זיי פאַרפירט רח"ל, און דער רבי לאָזט זיך אויך פאַרנאַרן פון די שטוב מענטשן. דער רבי האָט אים ממש אַרויסגעשטופּט פון שטוב, אַרויס! אַרויס! אַרויס! אַזוי איז דער קיוויאַשדער רב אַהיימגעגאַנגען מיט אַ צובראָכן האַרץ.

ווען דער קיוויאַשדער רב איז אַהיימגעקומען, האָט אים דער איידעם געפרעגט: נו, שווער, ווי אַזוי איז געווען די אויפנאמע? האָט דער שווער אים אַלעס דערציילט. האָט זיך אָנגערופן דער איידעם, איך האָב געזאגט פאַרן שווער, אַז מיט'ן רבי'ן קען מען וועגן אַלעס רעדן נאָר נישט פון פלייש! ער איז טאַקע דער גאון און צדיק הדור, אָבער זיינע נאָענטע דערציילן אים אַלע שקרים וועגן פלייש.

*

# מעשה ז

**אַ מעשה נורא מיט ר׳ א׳ פעלבערבוים זצ״ל (וואָס פלעגט דעליווערן די סאדא פון שטוב צו שטוב) וועןן ער האָט געאַרבעט ביי ווײנשטאָק׳ס ערשטע פלייש געשעפט, אויף 127 לי עוועניו אין וויליאַמסבורג**

ר׳ א׳ פעלבערבוים ז״ל איז געווען איינגעשטעלט ביי די קאַסע פון ווײנשטאָק׳ס פלייש געשעפט. דער משגיח איז דאָרט געווען זיין שוואָגער דער שוחט מומחה ר׳ אברהם לעווי שליט״א. איינמאָל האָט אַ קאָסטאָמער פאַרלאַנגט אַ געוויסע סאָרט פלייש, און ר׳ א׳ פעלבערבוים איז אַריין אין פרידזשידער קוקן אויב עס איז דאָ דאָס שטיקל פלייש. פלוצלונג דערזעט ער ווי עס הענגט אַ לונג פול מיט סירכות, און אַזוי ווי ער האָט גוט געקענט שחיטות מיט אַלע פרטים, נאָך פון זיין טאַטנ׳ס שטוב, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס איז פשוט אַ טריפה׳נע לונג, ווייל אַ כשר׳ע וואָלט מען כאָטש אָפּגעריסן די סירכות מען זאָל דאָס נישט זען, און פון גרויס שרעק (אַז ער שטייט און נעמט געלט און פאַרקויפט טריפות פאַר אידן אויף זיין באָרד) איז ער באַלד געפאַלן אין חלשות.

דערווייל שטייען אַ גאַנצע שורה מיט מענטשן וואָס ווילן צאָלן געלט, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל נעמען דאָס געלט!

דער משגיח, ר׳ אברהם לעווי, איז אַרומגעגאַנגען זוכן זיין שוואָגער, ביז ער האָט אים געטראָפן אין פרידזשידער פאַרחלש׳ט!

ער דערמונטערט אים און פרעגט אים, וואָס איז געשען? ווייזט ער אים די לונג וואָס הענגט פול מיט סירכות, און זאָגט אים ״דו זעסט, דאָס איז דאָך ממש אַ טריפה׳נע לונג!!! אויף אונזער באָרד עסט מען נבילות וטריפות. עס האָט דאך נישט געקענט אַדורכגיין דורך אַ שוחט׳ס האַנט. איך וויל אַז דו זאָלסט באַלד אַריבערקומען מיט מיר צום סאַטמאַרער רבי׳ן, און ווייזן אים די לונג״, און דער רבי וועט שוין וויסן וואָס צו טוהן.

זיי זענען אַריבער צום רבי'ן, און זיי האָבן איבערגעלאָזט די לונג ביים רבי'ן. דער רבי האָט געלאָזט רופן דעם רב המכשיר און האָט אים דאָס געוויזן. האָט אים דער רב המכשיר געענטפערט אַז דאָס האָט זיך מן הסתם אויפגעטוישט מיט די צעלימער שחיטה. האָט אים דער רבי געענטפערט, ווען איך זאָל דאָס וויסן אַז עס איז כאָטש גע'שחט'ן וואָלט שוין גוט געווען, אָבער איך האָב מורא אַז דאָס איז פשוט'ע נבילות וואָס קומט אַריין אין געשעפט.

דער בעל המכשיר האָט דעם רבי'ן באַרואיגט, וד"ל (דאָס איז אויסער דעם פאַרברעכן און געמיינקייט פון גיין באַשמוצן דעם צעהלימער רב, כדי צו פאַרענטפערן זייערע עבירות.)

*

# מעשה ח

**דער לאנדסבערגער רב שטעלט זיך אויף ביי אַן אסיפה פון איבער 30 רבנים אין התאחדות הרבנים, און שרייט געוואלד אויף די היימישע שחיטה וואס רופט זיך סאַטמאַרער שחיטה**

דער לאַנדסבערגער רב (שליט"א) האָט געהאַט אַ קליינע ישיבה פון 15 בחורים און האָט געלערנט מיט זיי יורה דעה הלכות טריפות, און אַזוי ווי עס איז זייער שווער צו פאַרשטיין, האָט ער ערלעדיגט מען זאָל אים לאָזן מיט די תלמידים קוקן די שחיטה, און ער איז געגאַנגען מיט די תלמידים כדי צו זען די שחיטה (וואָס רופט זיך סאַטמאַר, הגם עס האָט קיינמאָל נישט געהאַט דעם סאַטמאַרער רבינ'ס נאָמען דערויף).

דער לאַנדסבערגער רב איז געווען אַ רב נאָך אין דער אלטער היים און האָט זייער גוט געוואוסט וואָס מיינט אַ גסות

שחיטה, וואָס מען דאַרף קוקן, ווי אַזוי מען דאַרף בודק זיין אַ ריאה א.ד.ג. ער איז אריינגעקומען אין שלאכט הויז און ער האָט זיך באגעגנט מיט אַ שחיטה וואָס איין שוחט שעכט 60 בהמות אַ שעה צייט, איין בודק פנים, איין בודק חוץ, איין בלאמבירער. ער האָט באלד געזען אַז דער שוחט קען נישט בודק זיין קיין חלף אין אזא שנעלקייט, ער האָט נישט קיין ישוב און אוודאי נישט קיין דעת.

די בדיקת פנים איז גארנישט שייך צו מאכן אַזוי שנעל, בפרט ווען עס שטייט א גוי מיט אַן עלעקטרישן זעג אויפצושניידן די בהמה און טרייבט דעם שוחט, און דער שוחט דאַרף ציטערן אַז ער זאָל נישט אריינגיין מיט דעם זעג אין זיין קאָפּ אריין. וואו איז זיין ישוב הדעת וואָס עס פאַרלאנגט זיך צו אזא ריזיגע בדיקת פנים, וואָס עס בלייבט אים קוים אַ פערטל מינוט אויף די גאנצע בדיקה?!

דער בודק חוץ ווייסט גארנישט וועלכע בהמה ער איז בודק, ער קוקט אויפן טאוול און מיינט אַז ער איז בודק נומער 189, וואָס דארט שטייט קורצע סימנים ווי מ"פ, או"ע, ע"ש, דערווייל האָט ער אַ לונג וואָס דער אמת'ער נומער איז 187, און אויף דעם לונג שטייען אנגעצייכנט אנדערע סימנים בודק צו זיין ווי א"ש, מ"כ, א"מ, און עס פאַרשטייט זיך אַז ווען ער האָט נישט די ריכטיגע לונג אין זיין האנט וועט ער דאָך אוודאי נישט טרעפן וואָס ער זוכט, און אַזוי וויל טראכטן דער בודק חוץ, אַז דער בודק פנים האָט געשריבן אין די לופט אריין, עס האָט זיך אים נאָר געדאכט אַז ער האָט דארט עפּעס געטראפן, עס איז אָבער פאלשע חלומות, און אַזוי איז ער אלעס מתיר "ויצא העגל הזה".

דער בלאמבירער קען נישט קאנטראלירן אזויפיל זאכן צו בלאמבירן, ער קען אויסמישן, שטעלן אַ כשר'ע פלאמבע אויף אַ טריפה בהמה, און אויף די כשר'ע וועט ער נישט לייגן קיין פלאמבע.

ביי אַן אָפענעם מיטינג פון התאחדות הרבנים, נישט לאַנג נאָך די מעשה, דער סאַטמאַרער רבי זי"ע איז אויך געווען ביי דעם מיטינג, יעדער רב האָט מעורר געווען וועגן חיזוק הדת ווי נאָרמאַל. שטעלט זיך פלוצלונג אויף דער לאַנדסבערגער רב און דערציילט מיט אַ הויכן טאָן, בזה"ל:

"אַזוי ווי איך האָב נישט לאַנג געעפנט אַ ישיבה און איך לערן מיט די תלמידים חולין מיט יורה דעה, בין איך מיט די בחורים אינאיינעם געגאַנגען צו די שחיטה, און עס איז מיר שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן, וואָס איך האָב געזען:

מען שעכט 60 בהמות אַ שעה, די שוחטים ווייסן נישט וואָס זיי טוען, ווי קען מען אַזוי שנעל בודק זיין אַ ריאה? זיי ווייסן נישט וועלכע לונג זיי באַקוקן, עס איז נישט מעגליך צו האַלטן חשבון. כשר'ע זייטן פלייש ווערן אויפגעטוישט מיט טריפה'נע חלקים, עס איז נישט דאָ קיין קאָנטראָל, ווי וואָס ווען, דאָס איז אַ שחיטה וואָס אונזערע ערליכע אידן עסן? דאָס איז כשרות? זאָלן די רבנים אַרויסגיין צו די שחיטה, וועלן זיי זען וואָס דאָ טוט זיך. אַדרבה, זאָל מען זען! דאָס גיט מען פאַר אידן יראים ושלמים צו עסן? עס מוז שוין אַוועקגעשטעלט ווערן אַ קאָמיטע פון רבנים, וואָס זאָלן נאָכקוקן און מתקן זיין..." (מער האָט מען אים נישט געלאָזט רעדן).

דער סאַטמאַרער רבי זי"ע איז ווייס געוואָרן ווען ער האָט געהערט די ווערטער, און האָט זיך אָנגעכאַפּט די באָרד. דער באַטערער רב איז אויפגעשטאַנען און אָנגעפאַנגען צו שרייען: "איר ווייסט וואָס טוט זיך ביי שחיטה? איר ווייסט? איר פאַרשטייט? זייט ווען זענט איר אַ מומחה אין שחיטות? מיר האָבן די שענסטע שחיטה אין די וועלט! עס איז קיינמאָל אין אייראָפּע נישט געווען אַזאַ שיינע שחיטה. אַוודאי אין אייראָפּע האָט מען נישט געזען קיין שיינע עלעקטרישע מאַשינען וואָס גייען מיט אַ ליין ("טשעין"). עס איז נאָך אַ חידוש אַז איר זאָגט נישט אַז מען שעכט טויזנט בהמות א שעה! ווי קען מען דען שעכטן מער ווי 15 א שעה? די ליין וועט זיך דאָך איבעררייסן.

זינט ווען פאַרשטייסטו צו באַקוקן אַ שלאַכט-הויז, דו ווייסט בכלל נישט וואָס עס טוט זיך". און אַזוי האָט ער אים גוט אָנגעזידלט אַ פּאָר מינוט צייט.

דער מנהל שבתי מרדכי האָט געקלאַפּט אין טיש און אויסגערופן, אַז יעצט האָט מען נישט געמאַכט דעם מיטינג וועגן די שחיטה, מען וועט מאַכן אַ באַזונדערע מיטינג וועגן כשרות. דער סאטמארער רבי האָט געזאָגט אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען מאַכן אַ באַזונדערע מיטינג, וואָס דעמאָלט וועט מען דן זיין וועגן דעם ענין, און עס איז שטיל געוואָרן.

דער אַלטער קיוויאַשדער רב מיט זיין איידעם און נאָך עטליכע רבנים זענען אַלס פּראָטעסט באַלד אַרויס פון די אסיפה. די צווייטע אסיפה וואָס שבתי מרדכי האָט געזאָגט אַז מען וועט מאַכען איז קיינמאָל נישט צושטאַנד געקומען.

*

# מעשה ט

**דער קיוויאשדער רבי, הרה"צ רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין שליט"א, מיט די הסכמה פון סאַטמאַרער רבי'ן, ארבעט צו מאַכן אַ נייע אמת'ע גלאַט כשר'ע גסות שחיטה, אַלץ איז שוין פאַרטיג, מען דאַרף דינסטאג אנפאנגען שעכטן. ער פאָרט קיין מיאַמי צום רבי'ן, נאָך אַ ברכה, סאַטמאַרער רבי הייסט אָפּשטעלן.**

**מעשה שהיה כך היה:**

אַזוי ווי דער קיוויאַשדער רב איז געווען די רעכטע האַנט און יועץ-ראשי פון סאַטמאַרער רבי'ן, דער רבי האָט נישט געטוהן קיין שום זאַך אָן אים, און דער קיוויאַשדער רבי האָט געזען וואָס עס גייט פאָר אַרום די כשרות פון די פליישן, ווי מען פאַרקויפט טריפות אויפן נאָמען פון סאַטמאַר, און הגם עס

הייסט אַז וויינשטאָק גיט פאַר די ישיבה $5,000 אַ יאָר, אָבער ווי ר׳ ליפא פרידמאַן ע״ה, דער מנהל הראשי פון די סאַטמאַרער קהילה, האָט אים געזאָגט אַז ער גיט דאָס אויך נישט (אויסער די אַנדערע זאַכן ווי אויבן דערמאנט וואָס ער האָט יאָ געגעבן), און די שחיטה טויג אויף כפרות, האָט ער מחליט געווען מה לנו ולצרה הזאת, נישט קיין כשרות, נישט קיין געלט, און האָט פאָרגעשלאָגן פאַר׳ן רבי׳ן אַ פלאַן אַזוי:

דער רבי ווייסט גאַנץ גוט אַז מען רעדט צוזאַמען אויף אונזער שחיטה, מען שעכט אַ סאַך, דער נאָמען גייט אויף סאַטמאַר, קיין כבוד האָט סאַטמאַר נישט דערפון, קיין געלט אויך נישט, ווי ר׳ ליפא פרידמאַן האָט דאָס אים געזאָגט, איז אויב אַזוי, וואָס דאַרפן מיר פאַרזאָרגן וויינשטאָק׳ן מיט פרנסה ווען מיר האָבן גאָרנישט דערפון? מיר קענען מאַכן די שענסטע און בעסטע שחיטה אין דער וועלט מיט אַלע הידורים וואָס איז נאָר שייך, און די גאַנצע הכנסה וועט גיין צו די ישיבה. די ישיבה וועט האָבן צענדליגער טויזנטער דאָלאַר אַ יאָר, און דער רבי וועט זיך נישט דאַרפן פלאָגן אַזוי שטאַרק צו דעקן דעם בודזשעט.

דער פלאַן האט דעם רבי׳ן זייער געפאָלן, און ער האָט געגעבן זיין פולע הסכמה דערויף.

דער קיוויאַשדער רבי איז געווען זייער אַקטיוו, און ביז אַ פאָר חדשים האָט ער ערלעדיגט שוחטים, משגיחים, אַ בוטשער, אַ שלאַכט הויז, מיט פלאַמבעס, הכל אשר לכל וואָס עס פעלט אויס מסדר צו זיין דעם ריזן פראָיעקט.

אַזוי ווי עס איז אלעס פאַרטיג געווארן, איז דער קיוויאשדער רבי געפאָרן קיין מיאמי צום סאטמארער רבי׳ן, איבערצוגעבן אלע פרטים פונקטליך ווי עס וועט ארבעטן, און וואָס ס׳איז אלעס ערלעדיגט געווארן. ער קומט אָן קיין מיאמי טרעפט ער דארט עזריאל גליק, וויינשטאק, און די רביצין. זיי האָבן זיך מקדים געווען פאַר׳ן קיוויאַשדער רב ביים רבי׳ן, אים

מבאיש ריח צו זיין און אויך גוט אונטערגעהעצט די רביצין. זיי אַלע האָבן זיך גענומען שרייען אויף אים קולות וברקים, אַז דער קיוויאַשדער רבי וויל חרוב מאַכן אונזער גאַנצע שחיטה, און ווינשטאָק גיט אַזוי פיל געלט פאַר אונז, עופות, פלייש פאַר אַלע אונזערע צדקה פראָיעקטן, פאַרטיס, דינערס וכו'. ווי מעג מען דאָס צולאָזן? פון וואו ווען מיר נעמען אַזוי פיל געלט? ווער וועט אויסהאַלטן אונזערע ריזיגע פראָיעקטן מיט די פליישן? עס קאָסט דאָך שווערע טויזנטער!!! מען טאָר דאָס בשום אופן נישט צולאָזן!!! עס איז געוואָרן ממש "חושך".

דער סאטמארער רבי האָט באלד געזאגט פאַר דעם קיוויאשדער רב אַז ער האָט נישט קיין ברירה, מען מוז אויפהערן מיט אונזער גאנצען פלאַן.

דער קיוויאשדער האָט זיך נישט געלאזט און גע'טענה'ט: אוודאי טוט ווינשטאק פאַרפירן, ער ווייסט וויפיל געלט ער מאכט, ער קויפט אפ די רעבעצין מיט די פאָר פליישן און מיט אַ פאָר שיינע נתינות אויף אירע צדקה פראָיעקטן, און מיט אונזער נאָמען שארט ער מיליאנען, אָבער ווען מיר ווען האבען אַ שחיטה אליין ווען מיר דאָך נישט דארפען אנקומען צו זיינע טובות, און ווען האבען אַ שחיטה לשם ולתפארת.

עס האָט גארנישט געהאלפן, דער רבי האָט געהייסן אָפשטעלן דעם פלאַן וועגן אַ נייע שחיטה, און מען האָט עס טאַקע אָפגעשטעלט. (אגב, דער רב המכשיר אויף די נייע שחיטה האָט געהייסן אַז עס וועט זיין מיט דעם הכשר פון סיגעטער רב).

דעם אַנדערן טאָג זענען אַרויסגעקומען אין ניו יאָרק טויזנטער מיאוסע און עקלדיגע פאַשקווילן קעגן דעם קיוויאַשדער רב. דער קיוויאַשדער רב איז אין ניו יאָרק אַריין צום רבי'ן און אים געוויזן דעם פאַשקוויל, און האָט געפרעגט, זו תורה וזו שכרה? נאָך דעם וואָס איך האָב זיך געפלאָגט חדשים לאַנג אויפצושטעלן פאַר'ן רבי'ן אַ שחיטה, קומט מיר דאָס?

דער רבי האָט באלד געגעבן א באַפעל פאַרן סיגעטער רב ער זאָל אַרויסגעבן אַ צעטל פון התאחדות הרבנים זיך אָנצונעמען פאַרן קיוויאשדער רב שליט״א, און דער בריוו פון התאחדות הרבנים איז באלד ארויסגעגאנגען.

נאָך דעם ווען דער קיוויאשדער רב איז אהיים געפאָרן, האָט זיך אנגעהויבן אַ ריזיגער טערר קעגן אים, טעלעפאנען, פייער-לעשער, אמבולאנסן, און כל מיני טעראר וואָס ס׳איז נאָר מעגליך געווען האָט ער באַקומען. ער האָט נישט געהאט נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט, ביז ער האט געמוזט אוועקמופן קיין פאַרעסט הילס, און דאָרט האָט ער געקענט אביסל אָפּאָטעמען פון דעם מורא׳דיגן טעראר.

*

# מעשה י

**דער קיוויאשדער רבי וואוינט אין קווינס. אַ בוטשער וואָס האָט אַ הכשר פון סיגעטער רב קומט צו אים און שרייט צו אים אַז מען דעליווערט אים נבילה פלייש אָן קיין שום הכשר. נאָך מער, ווען ער רופט אָן דעם האָלסעילער, זאָגט דער האָלסעילער עס איז כשר, און דרייט נישט קיין קאָפּ.**

״ביקש יעקב לישב בשלוה״. דער קיוויאַשדער רב האָט געמיינט אַז ער וועט קענען זיצן רואיג אין קווינס, קפץ עליו רוגזו של יוסף.

דער קיוויאשדער רבי גייט אריבער צום סאטמארער רבי׳ן און דערציילט אים די מעשה ווי מיט דעם סיגעטער רב׳ס הכשר ווערט פארקויפט טריפה פלייש, און דאָס אלעס איז מיט דעם נאמען פון סאַטמאַר. האָט דער סאַטמאַרער רבי געענטפערט, דו ווייסט דען נישט אַז איך האָב פון אים צו ליידן זייער אַ סאַך

עגמת נפש אין אַ סאַך ענינים. וואָס קען איך טוהן? דער סאַטמאַרער רבי איז דעמאָלט געווען זייער אויפגערעגט אויפ׳ן סיגעטער, ווייל ער האָט געגעבן אַ השגחה אויף ״שמן״ אויל וואָס די גאָלדבערגער משפחה האָט פּראָדוצירט, און ער איז געווען אַ קאָנקורענט פון זופניק׳ס אויל קאָמפּאַני, און מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיגט.

עס זענען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן, און דער בוטשער קומט נאָך אַמאָל צום קיוואַשדער רבי׳ן און דערציילט אים, אַז מען האָט אים ווייטער דעליווערט טריפה פלייש, און ער ווייסט נישט וואָס צו טוהן, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן.

דער קיוויאַשדער רבי איז נאָך אַמאָל אַריבערגעגאַנגען צום סאַטמאַרער רבי׳ן און האָט אים נאָך אַמאָל דערציילט די גאַנצע מעשה, און האָט צוגעגעבן, וויפיל איז דער שיעור מען זאָל זיך לאָזן מבזה זיין אונזער נאָמען סאַטמאַר? ווייל אָן אונז וואָלטן זיי דאָס נישט געקענט טוהן, און עס איז נישט קיין תכלית. מען מוז עפּעס טוהן דערצו!!!

האָט זיך דער סאַטמאַרער רבי אָנגערופן מיט אַ געשריי: ״וואָס זאָל איך טוהן? איך קען מיך נישט שלאָגן מיט די גאַנצע וועלט!!! איך האָב נישט קיין כח, מיט יעדן איינעם קען איך מיך נישט שלאָגן!!!״.

אַזוי איז דער קיוויאַשדער רבי אַהיימגעגאַנגען מיט גאָרנישט.

(עס איז ידוע אַז דער סאַטמאַרער רבי זי״ע האָט גוט געקענט זיין פלימעניק דעם סיגעטער, נאָר ער האָט געזאָגט כמה פעמים - בערך - ״איך בין שוין צעקריגט מיט די גאַנצע וועלט זאָל איך זיך שוין מיט מיין איינעם לעבן געבליבענעם זון פון מיין ברודער אויך צעקריגן? וואָס וועט די וועלט זאָגן? מ׳וועט זאָגן אַז איך מיין גאָרנישט נאָר מחלוקת און עס וועט שאַטן צו די מלחמה קעגן ציונות״, ע״כ).

*

# מעשה יא

**הרב טייץ שרייט ביים סאטמערער רבין**

**געוואלד מען עסט טריפות, ער רעדט אויפן ראדיא!**

**״כי משמש בד׳ לשונות״,**

**לעבער וסוויט ברעסט משמש בששה לשונות.**

הרב טייץ גייט אַריבער צום סאַטמאַרער רבי״ן און ער שרייט געוואַלד אַז די סאַטמאַרער שוחטים שעכטן איין שוחט 60 בהמות אין איין שעה אָן אַ בודק סכינים, און זענען עובר אויף די תקנת הקדמונים און מען גייט אַוועק פון דרך החתם סופר, אַז איין שוחט טאָר נישט שעכטן אַליין, ובפרט ביי אַזאַ גרויסע שחיטה פון 60 בהמות וואָס עס איז בכלל נישט מעגליך צו קענען שעכטן און בודק זיין איינער אַליין דעם חליף, און אַז מען פאַרקויפט אויף יעדע בהמה וואָס מען שעכט 5 צונגען און 5 לעבערס, און טויזנטער פונט גראשיצע (סוויט ברעסט).

הרב טייץ פון עליזאַבעט איז אַריבערגעקומען צום סאַטמאַרער רבי״ן און האָט אים דערציילט אַז אַזוי ווי ער האָט אַ שחיטה אין ניו דזשוירזי און דאָרט שעכטן אויך די סאַטמאַרער שוחטים, און ביי ראַבאַי טייצ׳עס שוחטים שעכטן צוויי שוחטים אויף איין מאָל, און ביי די סאַטמאַרער שוחטים שעכטן נאָר איין שוחט 60 בהמות אין איין שעה, און אַזוי ווי דער סאַטמאַרער רבי גייט דאָךְ אין דרך החתם סופר, ווי אַזוי לאָזט ער דאָס צו? צווייטנס: אַז אויף יעדע בהמה וואָס מען שעכט פאַרקויפט מען 5 צונגען, 5 לעבערס און טויזנטער פונטן גראשיצע, ואין פוצה פה ומצפצף.

דער סאַטמאַרער רבי לאָזט רופן עזריאל גליק און זאָגט אים, דו הערסט וואָס הרב טייץ זאָגט? רופט זיך אָן עזריאל גליק, ער רעדט אויף אונזער שחיטה? ער האָט שוחטים וואָס האַלטן נישט קיין טהרת הבית, און ער רעדט נאָך? רופט זיך אָן דער רבי נאָך דעם וואָס די ווערטער פון עזריאל'ס זענען שוין ביי אים געווען 100% אמת, וואָס זאָגסטו יעצט?

האָט ראַבאַי טייץ געענטפערט, איך דערצייל אייך אַ זאַך וואָס איר קענט זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס דערציילט ער זאַכן וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב? זאָל ער זאָגן אויב עס שעכט איין שוחט אָדער צוויי, איז דאָס אמת אָדער נישט?

עזריאל האָט בלית ברירה מודה געווען, אַז דער סאַטמאַרער רבי האָט געהייסן מען זאָל שטעלן צוויי שוחטים צו די שחיטה (די צוויי שוחטים האָט נאָר געדויערט אַ פּאָר וואָכן). און מען איז צוריקגעגאַנגען צום אַלטן דרך, אַז מען האָט געשאָכטן מיט איין שוחט.

הרב טייץ איז דעמאָלט אַרויסגעקומען אויפן ראַדיאָ, וועגן די מעשה וואָס מען שעכט איין בהמה און מען פאַרקויפט 5 צונגען מיט לעבערס, און האָט דאָס מרמז געווען אויפן מאמר חז"ל "כי משמש בד' לשונות", ביז די פלייש חברה זענען אַרויס מיט אַ גרויסן טעראָר קעגן הרב טייץ, און ער האָט אויפגעהערט מיט זיין מלחמה קעגן די פליישן.

*

# מעשה יב

**דער סאַטמאַרער רבי שיקט דעם פריימאַנער רב, הרב ר׳ יושע העשל דייטש פון לאָס אַנדזשעלעס, צו די גסות שחיטה, און באַקומט אַ פונקטליכן רעפּאָרט**

דער סאַטמאַרער רבי האָט געוואָלט וויסן וואָס עס קומט פאָר ביי די שחיטה, האָט ער געוואָלט שיקן אַ רב קוקן אויף די שחיטה. ער האָט געזאָגט פאַר איינעם פון זיינע נאָענטע אַז ער וויל שיקן איינעם קוקן אויף די שחיטה, האָט דער פלוני געזאָגט פאַרן רבי'ן אַז וויינשטאָק לאָזט קיינעם נישט אַריין. ער האָט זיך בכלל נישט דערשראָקן פון צו געבן דעם רבי'ן אַזאַ מאָדנע תשובה, וויסנדיג אַז וויינשטאָק צאָלט דאָך ריזיגע געלטער. נו! ווער איז דען דער בעל הבית?

האָט דער רבי געזאָגט אַז אַזוי ווי הרב ר׳ יהושע העשיל דייטש וויל מאַכן אַ שחיטה אין לאָס אַנדזשעלעס, און ער וויל מאַכן פונקט אַזוי ווי דאָ הי, ממילא וועט דער קצב הידוע שוין מסכים זיין, וכך הוה. דער פלאַן איז אַדורך, און הרב הנ״ל איז געגאַנגען באַקוקן די שחיטה. אַזוי ווי הרב הנ״ל איז אויך געוועזן אַמאָל אַ שוחט, האָט ער פינקטליך געוואוסט אַלעס וואָס עס קומט פאָר, און האָט אַלעס איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן, און דער רבי האָט געהייסן מאַכן פאַרשידענע תיקונים. מען האָט טאַקע געמאַכט תיקונים, אָבער עס האָט געדויערט נאָר צוויי וואָכן.

אַ מעשה נורא מיט ר׳ יצחק לעווי מסאַטמאַר, מיט זיין סאַלאַמי און פלייש געשעפט

יצחק לעווי איז איינער פון די חשוב'ע אידן אין סאַטמאַרער בית המדרש, ווי עס איז באַקאַנט אַז דער סאַטמאַרער רבי זי״ע האָט גערופן זיין ווייב מיט'ן נאָמען פעלא. זי איז געוועזן אַ גרויסע צדיקת, זי פלעגט צוזאַמענעמען געלט פאַר אַלע מוסדות און געגעבן פאַר די סאַטמאַרער רביצין תליט״א, און אויך פלעגט זי ברענגען גאַנצע פעקלעך מיט געלט פאַר'ן סאַטמאַרער רבי'ן.

ויהי היום, עס איז געווען מיט אַן ערך 26 יאָר צוריק, עס איז געווען אַן אסיפה ביים סאַטמאַרער רבי'ן זצ"ל, און דער לאַנדסבערגער רב האָט זיך אָנגערופן אַז יצחק לעווי מאַכט סאַלאַמיס מיט אַלע פאַסטראַמיס מיט טוירקי ראָל און ער האָט נישט קיין השגחה. ער שרייבט "למהדרין מן המהדרין", אָן קיין שום השגחה? האָט זיך אָנגערופן איינער פון די יוצאי משרתיו: "וואָס הייסט, יצחק לעווי דאַרף אַ השגחה? אַזאַ חשובער איד! ער איז נישט באַגלייבט?".

האָט דער רבי זצ"ל זיך אָנגערופן, עס איז נישט פאַראַן צו זאָגן, קיינער איז נישט באַגלייבט אָן אַ השגחה, און האָט ווייטער געזאָגט, אַז "אפילו ווען איך וואָלט געווען אַ מאַניפעקטשורער, וואָלט איך אויך נישט געווען באַגלייבט אָן אַ גוטן משגיח מיט אַ גוטן רב, ווייל איך וואָלט געטראַכט אויסצופּאָפּען דעם רב מיטן משגיח אויף וואָס פאַר אַן אופן עס קען נאָר זיין, ווייל ווען איך בין אַ ביזנעסמאַן טראַכט איך אַז יעדע פעני שפּילט ביי מיר אַ גרויסע ראָלע, ווייל פון אַ פעני אין ביזנעס ווערט מיליאָנען, און אָן אַ משגיח האָט מען נישט קיין שום נאמנות. איר קענט נישט דעם בעל דבר, מיט געלט כאַפּט ער אַריין יעדן איינעם".

עס איז געבליבן אַז אַפילו דער יצחק לעווי דאַרף אויך האָבן אַ השגחה, אָבער ליידער למעשה איז דאָס נישט אויסגעפירט געוואָרן, און עד היום הזה האָט ער נישט קיין השגחה.

מיט אַן ערך 20 יאָר צוריק איז געשען אַ מעשה נורא. מען האָט דעם דערמאַנטן יצחק לעווי איינגעשפּאַרט אין תפיסה. מען האָט געדאַרפט האָבן אַן ערך פון $150,000 אויסלייז געלט. וואָס איז געשען? מען איז באַלד געלאָפן צום רבי'ן מיט אַ "ויצעקו", פדיון שבויים. דעם רבי'ן האָט מען געזאָגט אַז מען האָט אים געכאַפּט מיט מייז און מען האָט אים באַשטראָפט פון די גאָווערנמענט, איז דאָך אַ רחמנות, וואָס הייסט, ארעסטירן פאַר האָבן מייז אין געשעפטן, רשעים וכו'.

דער אמת איז, האָט דער עולם געשמועסט, אַז מען האָט אים געכאַפּט - נישט די רבנים - נאָר די רעגירונג - מיט טריפה פלייש ממש!!! טייל זאָגן אַז ער האָט דאָס געקויפט פון די נאָרט אָדער פון די וועסט, דאָס גאַנצע סאַטמאַרער בית המדרש איז געגאַנגען אויף קעסל און כלים. איר קענט זיך אינטערעסירן אין סאַטמאַר, דער עולם ווייסט דערפון.

דער רבי האָט אָנגעפאַנגען אַ מבצע הצלה. אַלע עשירים האָבן אָנגעהויבן צו געבן געלט, וואָס הייסט, דער רבי האָט געהייסן! מען האט טאַקע צוזאַמענגעשטעלט אַ שיינע סומע געלט. סוף-סוף איז נתגלה געוואָרן, אַז ער האָט אַריינגעברענגט פון אויסער אַמעריקע נישט קיין כשר פלייש, און די רעגירונג האָט אים געכאַפּט.

דער קאַפּישער רב זצ״ל האָט דעמאָלט אינמיטן פאָרלערנען געזאָגט ברבים (וואָס, אגב, דער ר׳ יצחק לעווי פלעגט זיצן ביי זיין שיעור) וואָס הייסט ר׳ יצחק לוי מסאטמאר? ווייל ער רופט זיך סאַטמאַר דאַרף ער שוין נישט האָבן קיין השגחה? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַזוינס אַז אַ איד זאָל פאַרקויפן אין די הונדערטער טויזנטער פונט פלייש אַ וואָך און זאָל נישט האָבן אַ השגחה? (אגב: דער ר׳ יצחק לעווי פלעגט אויפשטיין יעדן פאַרטאָגס אום 4 אַזייגער און האָט געלערנט אין בית המדרש).

*

# מעשה יד

**אַ מורא׳דיגע מעשה פון הייליגן ר׳ ברוך גארליצער זצוקללה״ה, וואָס איך האָב אליין געהערט פון כ״ק אדמו״ר מקלויזנבורג זצ״ל**

אין יאָר תשל״ו, איידער איך האָב אַרויסגעגעבן דעם ״מדריך לכשרות״ נומער 14, וואָס דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען די מורא׳דיגע היסטאָריע פון אַנטפּלעקן די סקאַנדאַלן וואָס עס קומט פאָר ביי די שחיטה, נאָך דעם וואָס איך האָב שוין גערעדט כמעט מיט אַלע רבנים פון התאחדות הרבנים אַז זיי זאָלן זען מתקן צו זיין די שחיטה, האָב איך געהערט אַז דער קלויזנבורגער רבי איז אַ גרויסער מומחה אין עניני שחיטה. בין איך אַריבער מיט אַ בנש״ק (וואָס איז אויך אַ מומחה אין די ענינים פון שחיטה) צום קלויזנבורגער רבי׳ן זצ״ל.

בשעת מיר זיינען אַריינגעקומען און דער רבי פרעגט אונז וואָס איז אונזער באַגער, האָבן מיר געענטפערט אַז מיר זיינען געקומען איבערשמועסן דעם מצב הכשרות וועגן די סקאַנדאַלן וואָס קומען פאָר ביי די שחיטה.

האָט דער רבי אונז באַלד געזאָגט, אַז אויב אין שנת תשל״ו זענען נאָך דאָ צוויי יונגעלייט וואָס עס טוט זיי וויי אַז מען פיטערט דעם כלל ישראל מיט נבילות וטריפות, מעג שוין משיח קומען.

און אַזוי האָב איך אָנגעפאַנגען צו דערציילן היסטאָריעס וואָס עס טוט זיך ביי די שחיטה. מיר האָבן גערעדט וועגן כל מיני שאלות ותשובות וואָס עס האָבן זיך אָפּגעטוהן אין אַלע דורות אין מצב פון די שחיטות. דער קלויזנבורגער רבי האָט געוואוסט וועגן צענדליגער שחיטה ספרים וואָס ברענגען אַראָפּ אַלע מיני מעשיות, וואָס מיר איז דאָס מערסטע דערפון געווען באַקאַנט.

און אַזוי האָב איך דערציילט דעם רבי׳ן פאַרשידענע מעשיות. ער איז מיט גאָרנישט געווען הינטערשטעליג, און האָט אונז געזאָגט, אַז ער שרייט שוין 30 יאָר אַז מען עסט זיך אָן אין

אַמעריקע מיט נבילות וטריפות. אויך האָט ער צוגעלייגט אַז אין דער אַלטער היים אין קלויזנבורג פלעגט ער לויפן צו די שחיטה דריי מאָל אַ טאָג, ווייל ער האָט געציטערט ווער ווייסט וואָס די שוחטים טוען ווען ער איז נישט דאָרט. אויך האָט ער צוגעלייגט, אַז דער הייליגער חתם סופר פלעגט דאָס זעלבע טוהן, ווי ער שרייבט אין די תשובה (יו"ד סימן י"ח) אַז ער פלעגט גיין עטליכע מאָל אַ טאָג צו די שחיטה, און כל שכן ווי מיר דאַרפן זיין געוואָרנט, ווייל דער בעל דבר איז עלטער געוואָרן, און ער ווייסט שוין מער פאַטענטן ווי אַזוי צו מאכיל טריפות זיין אין האָלסעיל.

דער קלויזנבורגער רבי האָט אונז געזאָגט: איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה וואָס איך האָב אליין בייגעוואוינט אין דער שטאָט בערלין.

ומעשה שהיה כך היה:

עס איז געווען אַ איד וואָס האָט געהייסן מאָניש דער שוחט. דער מאָניש איז געווען אַ איד אַ גרויסער ירא שמים, ער איז געווען דער איינציגער וואָס האָט געהאַט קבלה אויף שחיטות פון הייליגן גאָרליצער זיידן זי"ע. דער רבי האָט צוגעלייגט, אַז אויב דער זיידע האָט איינעם געגעבן קבלה אויף שחיטה, וואָס דאָס איז געווען די ערשטע און די לעצטע קבלה וואָס ער האָט געגעבן אין זיין גאַנץ לעבן, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי אַזוי דער שוחט האָט געמוזט אויסזען.

מאָניש דער שוחט איז געווען דער שוחט פון גאָרליצער רב זי"ע, און אויב דער גאָרליצער רב האָט געגעסן פון זיין שחיטה, האָבן שוין אַלע צאַנזער חסידים מדקדק געווען צו עסן בלויז פון זיין שחיטה.

ויהי היום: עס האָבן געוואוינט אין דער שטאָט בערלין אַ סאַך צאַנזער חסידים, און זיי האָבן נישט געוואָלט עסן נאָר פון דעם שוחט ר' מאָניש. עס איז אָבער געווען זייער שווער ביז זיי האָבן באַקומען די פליישן, און וואו צו האַלטן. עס זענען

דעמאָלט נישט געווען די באַקוועמליכקייטן פון פריזערס ווי היינט. האָבן די גאָרליצער חסידים אַלץ געפּלאַנט ווי אַזוי צו ברענגען דעם שוחט מאַניש קיין בערלין.

האָט דער אויבערשטער געהאָלפן אַז איין שוחט האָט (צוליב געזונטהייט) אויפגעגעבן די שחיטה אין די שטאָט בערלין, און די חסידים האָבן אָנגעטראָגן פאַר דעם שלאַכט הויז אַז אַזוי ווי זיי האָבן גאָר אַ חשוב'ן שוחט, און אויב מען וועט האָבן דעם דאָזיגן שוחט וועט מען מיט זיין נאָמען קענען פאַרקויפן פלייש איבעראַל, ווייל זיין נאָמען איז איבעראַל באַוואוסט.

דער בעל הבית האָט באַלד מסכים געווען, און מען האָט שוין באַשטעלט מאַניש'ן.

דער שוחט איז אָנגעקומען, און מען האָט באַלד גערופן אַן אסיפה מיט'ן בעל הבית. דער בעל הבית האָט אים באַלד געפירט אין שלאַכט-הויז, ער זאָל זען די שחיטה.

די שחיטה איז געווען אין זייער אַ ריזיגן פאַרנעם. מען האָט דעליווערט סחורה מיט וואַגאָנען איבעראַל. דער שוחט האָט באַלד געזען אַז די שחיטה איז צו שנעל, האָט ער געזאָגט אַז ער קען נאָר שעכטן אַזוי ווי אין זיין שטאָט. דער בעל הבית האָט באַלד מסכים געווען. נאָך דעם האָט מאַניש געהאַט טענות, אַז אַזוי ווי דעמאָלט איז אַרויס אַ געזעץ אַז מען זאָל אויפבלאָזן די לונג (ריאה) מיט אַ מאַשין צוליב קראַנקהייטן און אים איז דאָס נישט געפאָלן, ווייל מיט אַ מאַשין קען מען אַ סאַך מאָל אויפבלאָזן צו שטאַרק. דער בעל הבית האָט אים דאָס אויך נאָכגעגעבן (כאָטש די דאָקטוירים האָבן נישט מסכים געווען דערצו), און מען האָט אים צוגעזאָגט אַ שיינע פרנסה, און אַזוי האָט דער שוחט ר' מאַניש אָנגענומען די שחיטה.

דער שוחט ר' מאַניש האָט געדאַרפט אָנפאַנגען שעכטן דינסטיג אינדערפרי 7 אזייגער, יום שנכפל בו כי טוב.

עס קומט דינסטיג פרי 7 אזייגער, דער שוחט איז נישט דאָ! עס ווערט 8 אַזייגער, דער שוחט איז נישט דאָ! עס ווערט 9 אזייגער, דער שוחט איז נאָך אלץ נישט דאָ! און דאָ שטייען הונדערטער גוים ארבעטערס וואָס ווארטן אויפן שוחט ער זאָל שעכטן, אָבער ער קומט נישט אָן.

דער בעל הבית איז געקומען צו פאָרן צום שוחט זען וואָס דאָ איז געשען. ער האָט געמיינט אַז דער שוחט איז פאַרשלאָפן, אָבער עפּעס האָט פּאַסירט.

דער בעל הבית קומט אַריין צום שוחט מיט א וויי-געשריי!!! היתכן? אַלע אַרבעטער ווארטן און ווי קען מען אויפהאלטן אזא ריזיגע פאבריק וואו עס ארבעטן הונדערטער מענטשן?

דער שוחט רופט זיך אָן צום בעל הבית, טייערער בעל הבית, איר ווייסט נישט וואָס עס האָט מיר פּאַסירט. איך שטיי אויף אינדערפרי פונעם שלאָף און די רעכטע האַנט איז מיר גענצליך געשטאָרבן ל״ע, ממש געלעמט. איך פיל נישט גארנישט אין די האנט, איך ווייס נישט וואָס דאָס איז.

דער בעל הבית איז באלד געפאָרן מיט ר׳ מאניש דעם שוחט צום גרויסן שפיטאָל אין יענע געגנט, און מען האָט גענומען די גרעסטע דאקטוירים. מען האָט אויך באשטעלט פון איבעראל די בעסטע דאקטורים. געלט האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע, און די דאקטוירים האבן באלד מחליט געווען, אַז זיין קערפּער פאנגט אָן צו פוילן, און מען מוז באלד אָפּשניידן די גאַנצע האַנט, ווייל אויב נישט וועט דער גאנצער קערפּער אָפּפוילן ל״ע.

דער שוחט ר׳ מאָניש פּאַרעקשנ׳ט זיך און וויל בכלל נישט פּאָלגן די דאקטוירים. ער זאָגט אַז ער האָפט אַז עס וועט זיך מיט השי״ת׳ס הילף אויסהיילן. אַזוי איז ר׳ מאניש געזעסן אין האָספּיטאַל דריי וואָכן. די גאנצע שטאט איז אים געגאנגען

מבקר חולה זיין, ביז מען האָט אים נישט געקענט גארנישט העלפן, און ר׳ מאָניש איז אַהיים געגאַנגען.

די גאנצע געגנט איז יעדן טאג געגאנגען צו ר׳ מאניש דעם שוחט מבקר חולה זיין. ר׳ מאניש איז געווען זייער צוגעלייגט צוליב די האנט, אָבער ער האָט דאָס נישט ארויסגעוויזן פאַר די מענטשן, ער האָט זייער שיין מקבל פנים געווען אלע מענטשן, אלע קינדער פון די געגנט זענען אים אויך געגאנגען כסדר מבקר חולה זיין. אַזוי זענען אדורך אַ פּאָר וואָכן.

אין אַ שיינעם דינסטאָג צופרי שטייט אויף ר׳ מאניש און די האַנט איז געזונט געוואָרן. דער עולם פרעגט אים, וואָס איז געשען? דערציילט ר׳ מאָניש די פאָלגנדע זאַך: אינמיטן די נאַכט פון יענעם דינסטאָג איידער ער האָט געדאַרפט אָנפאַנגען צו שעכטן איז זיין רבי, ר׳ ברוך גאָרליצער, געקומען צו אים אין חלום און האָט אים געפרעגט:

”מאָניש! דו האָסט אָנגענומען צו זיין שוחט אין בערלין???!”

האָט ר׳ מאָניש געענטפערט: ”יאָ, רבי. איך האָב אָנגענומען די שחיטה, אָבער איך האָב זיך אויסגענומען די און די פּרטים און תקנות ווי אַזוי איך וועל שעכטן!!!”.

דער הייליגער גאָרליצער רבי זי״ע פרעגט אים ווייטער: ”מאָניש, דו ווייסט אַז אפילו אויב דו וועסט שעכטן אַזוי ווי דו ווילסט, וועט אָבער דער בעל הבית פאַרקויפן גאַנצע וואַגאָנען מיט פלייש וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געשאָכטן?!” און דער גאָרליצער רבי גיט אים, ר׳ מאָנישן, די האַנט, און מאָניש כאַפּט זיך אויף, די האַנט איז טויט ל״ע.

איצט האָט מאָניש ווייטער דערציילט:

”היינט, אינמיטן די נאַכט, קומט נאָך אַמאָל דער הייליגער גאָרליצער רב צו מיר אין חלום און פרעגט מיך: ”מאָניש, דו וועסט נאָך זיין שוחט אין בערלין???”. האָב איך זיך אָנגערופן

צום רבי'ן: "רבי, איך וועל מער נישט אָננעמען דעם פּאָסטן. רבי, איך האָב נישט געוואוסט אַז איך טו אַ פעלער", און איך האָב אָנגעפאַנגען צו וויינען פאַר'ן רבי'ן ער זאָל זען מיין האַנט זאָל אויסגעהיילט ווערן פון די לעמונג ל"ע".

דער רבי האָט אים נאָך אַמאָל געפרעגט: "מאָניש, דו וועסט מער נישט זיין קיין שוחט אין בערלין???". רופט זיך נאָך אַמאָל אָן דער שוחט: "ניין, איך וועל מער נישט זיין קיין שוחט".

דער גאָרליצער רב גיט אים די האַנט: "אויב אַזוי, זיי מיר געזונט".

דער שוחט האָט זיך אויפגעוועקט, די האַנט איז ב"ה אינגאַנצן געזונט.

דער קלויזענבורגער רבי רופט זיך אָן: זעט איר, טייערע קינדערלעך, דאָס איז געווען אין מיין צייט, איך האב געזען דעם שוחט מיט די געלעמטע האַנט, און דערנאָך מיט די געזונטע האַנט, און עס זענען נאָך היינט דאָ אַ סאַך אידן וואָס לעבן נאָך און האָבן בייגעוואוינט מיט אים אין איין הויף און געדענקען נאָך גוט די מעשה.

אָבער וואו נעמט מען היינט אזעלכע רבי'ס, וואָס עס איז שוין געווען אַ סאַך יאָרן נאָך זיין פּטירה און פונדעסטוועגען האָט ער געהאַט אַ כח אַראָפּצוקומען אויף די וועלט און אכטונג געבן אַז אַ שוחט וואָס האָט זיין קבלה זאָל ח"ו נישט גורם זיין צו מאכיל טריפות זיין פאַר אַ ציבור אידן?

דער קלויזענבורגער רבי האָט מסיים געווען, איך שריי שוין 30 יאר אַז אידן אין אמעריקע עסן אידן זיך אָן מיט נבילות וטריפות. השי"ת זאָל זיך שוין מרחם זיין, דער גואל צדק זאָל שוין קומען, אמן.

# מעשה טו.

**אַ מורא׳דיגע מעשה וואָס האָט פאסירט אין די שטאט קראלע אין יאָר תרפ״ח, בשעת דער סאטמארער רבי איז דארט געווען רב.**

**דער סאטמארער רבי גיט ארויס אַ תשובה, מען זאָל כשר׳ן אלע כלים, ועוד.**

עס איז געווען אין קראלע אַ איד וואָס האָט געהייסען משה בער ווידער. ער איז געווען משגיח אין די פלייש באנק (בוטשער סטאָר). פאַר׳ן משגיח אליין האָט מען געשאָכטן אָן צו באַצאָלן געבעלע געלט (דאָס מיינט שחיטה געלט). [דער משה בער ווידער איז געווען אַ גרויסער ארימאן. ער האָט ל״ע געהאט נישט קיין געראטענע קינדער].

אין קראָלע איז געווען אַ איד אַ גביר אדיר, אַ וויין סוחר, ער האָט געהייסען שלעזינגער (ער האָט נישט געהאט קיין בארד, אָבער ער איז געווען אַ געוואלדיגער ירא שמים). דער שלעזינגער האָט געהאט אַ גרויסע קאָך, אַ ריזיגע הכנסת אורחים שטוב, ביי אים פלעגן עסן אַלע אורחים, און אַ סאַך בחורים פון די ישיבה, און ווער נישט?

ביי דעם עושר שלעזינגער האָט געאַרבעט אַ זוהן פון דעם משה בער ווידער אַלס משרת פאַר מרס. שלעזינגער אין שטוב (ווי אויבן דערמאנט, איז דער משה בער ווידער געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און האָט נישט געדאַרפט באַצאָלן געבעלע געלט).

ויהי היום: מרס. שלעזינגער שיקט דאָס קינד ווידער צום שוחט מיט 20 גענז צו שעכטן פאַר איר ריזיגן הכנסת אורחים פראָיעקט. און אַזוי ווי פאַר זיין טאַטן (וואָס איז געווען דער משגיח אין די פלייש באַנק) האָט נישט געקאָסט קיין געבעלע געלט, האָט דער זוהן ווידער געזאָגט פאַר׳ן שוחט אַז די גענז זענען פאַר זיין טאַטן, ממילא האָט ער נישט געדאַרפט באַצאָלן

געבעלע געלט פאַר די 20 גענז. און דאָס געבעלע געלט האָט ער גענומען פאַר זיך.

דער שוחט האָט געשאָכטן די 20 גענז, אָן געבעלע געלט, אָבער ער האָט געהאַט אַ חשש, פאַרוואָס דאַרף דער משגיח ווידער אַזוי פיל גענז אויף איין מאָל? מאַכט ער דען אַ חתונה, אָדער אַן אַנדערע שמחה?

דער שוחט לאָזט רופן דעם משגיח שלעזינגער, און פרעגט אים: האָסטו געשיקט מיט דיין זוהן שעכטן 20 גענז? דער משגיח ענטפערט אים: ניין.

עס איז געוואָרן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין שטאָט. וואָס הייסט מען האָט גע׳גנב׳עט געבעלע געלט? ביז מען איז געוואויר געוואָרן אַז דער אינגל ווידער וואָס האָט געאַרבעט ביי מרס. שלעזינגער אין שטוב, האָט געברענגט צו שעכטן די 20 גענז פאַר איר שטוב, און זי האָט באַצאָלט געבעלע געלט, און דער יונגל ווידער האָט דאָס צוגע׳גנב׳עט.

ווען מען האָט געפרעגט מרס. שלעזינגער פאַרוואָס זי האָט געדאַרפט אַזוי פיל גענז אויף איין מאָל? האָט זי געענטפערט, וואָס הייסט זי שיקט שוין מיט איר שיקסע יאָרן לאַנג יעדע וואָך שעכטן 20 גענז פאַר איר הכנסת אורחים שטוב.

מען האָט חוקר געווען די זאַך, ווייל מען האָט יאָרן לאַנג נישט געברענגט צו שעכטן 20 גענז, ביז מען איז געוואויר געוואָרן אַז די שיקסע האָט זיך גוט צוגעקוקט צום שוחט ווי אַזוי ער שעכט, און זי פלעגט אַליין שעכטן די גענז אַלע יאָרן, און די געבעלע געלט האָט זי גענומען פאַר זיך.

דער רעש אין קראָלע איז געווען עד לב השמים. די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כּאָדאָראָם, ווייל ווער האָט דען נישט געגעסן אין דעם אָפענעם הכנסת אורחים הויז פון די שלעזינגערס?

דער סאַטמאַרער רבי זצ״ל האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו כשר'ן אַלע כלים, און תשובה טוהן.

פון דעמאָלט אָן האָט מען געמאַכט נייע תקנות, עס זאָלן נישט קענען פאָרקומען אַזעלכע מעשיות.

(די מעשה האָב איך געהערט פון איינעם פון די זקני הרבנים פון התאחדות הרבנים, אַ תלמיד פון סאַטמאַרער רבי'ן זצ״ל, און האָט אויך געגעסן איין טאָג אין וואָך אין דער הכנסת אורחים שטוב).

ווי עס קוקט אויס זענען די היינטיגע מאכילי טריפות אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט אָט די טריפה'נע געגנז יאָרן לאַנג, אַזוי ווי דער הייליגער בעלזער רב הרה״ק ר' אהרן זי״ע האָט געזאָגט בשעת די מלחמה, ווען עס זענען אָנגעקומען צו אים עטליכע צדיקים און האָבן געהאַט טענות, ווי אַזוי קען ער דאָס צוקוקן ווי מען שעכט אויס יעדן טאָג טויזנטער אידישע קינדער און ער שווייגט און טוט גאָרנישט?

האָט דער בעלזער רב זי״ע געענטפערט, אַז עס איז ידוע אַז היטלער ימ״ש איז דאָך מזרע עמלק ימ״ש, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון די טריפה'נע שוחטים פון דייטשלאַנד, ווי דער הייליגער דברי חיים זי״ע האָט שוין מעיד געווען אין זיין ספר שאלות ותשובות דברי חיים (יורה דעה סימן ז') אַז די פינף גרויסע שטעט אין דייטשלאַנד וואו עס האָבן זיך אויסגעשמד'ט דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן, איז עס געווען צוליב די שוחטים קלים, און פון זייער פלייש וואָס זיי האָבן מאכיל טריפות געווען, איז געבוירן דער עמלק (היטלער) ימ״ש, און עס שטייט ביי משה רבינו ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט עמלק, שטייט "וִידֵי משֶׁה כְּבֵדִים וַיִּקְחוּ אֶבֶן וַיָּשִׂימוּ תַחְתָּיו וְאַהֲרֹן וְחוּר תָּמְכוּ בְיָדָיו". זעט מען דאָך אַז מלחמה צו האַלטן מיט עמלק'ן האָט אפילו משה רבינו אויך געדאַרפט האָבן נאָך צוויי מיט זיך.

האָט דער בעלזער רב געזאָגט ווייטער: ״ווי נעמט מען נאָך צוויי גדולים מען זאָל קענען מלחמה האַלטן און מבטל זיין די ביטערע גזירה?״.

אויך איז ידוע אַז דער הייליגער ר׳ נתן אַדלער זי״ע, ווען ער האָט זיך געשלאָגן מיט די שוחטים אין פראַנקפורט, (אַזוי ווי עס שטייט אין ספר שמרו משפט פון הגה״צ ר׳ עקיבא יוסף שלעזינגער ז״ל[5] אין נאָמען פון אַ צדיק פון די עשרת השבטים, וואָס איז געוועזן פסח ביי זיין שווער, הגה״ק צי״ע ר׳ הלל קאָלאָמייער זי״ע) אַז ער האָט געוואָלט מעביר זיין די שוחטים מאכילי טריפות בסוד ״על חרבך תחי״״ [און ווי עס ווערט געברענגט, אַז די שחיטה איז געווען אין אוישוויץ, ממש דאָרט וואו מען האָט מיט יאָרן שפעטער נעבעך אויסגעהרג׳עט 5 מיליאָן אידן רח״ל, און דאָס אַלץ האָט דער הייליגער צדיק ר׳ נתן אַדלער געזען ברוח קדשו, און האָט דאָס געוואָלט מבטל זיין די גזירה. זעט מען דאָך פון די מעשה וואָס די שוחטים קענען אָנמאַכן ל״ע, און ווי מיר ברענגען פריער ווי דער הייליגער בעלזער רב האָט אויך מעיד געווען אַז דער ימ״ש איז אַרויסגעקומען פון די שוחטים קלים], ואלמלא השיג כל רצונו היה בא משיח צדקינו, אך הס״מ העמיד עליו שוחטים קצבים והצריך לברוח, ותלמידו החתם סופר רץ אחריו י׳ פרסאות״, עיי״ש נוראות.

*

5) וזה לשונו של הגה״צ מוה״ר עקיבא יוסף שלעזינגער זצ״ל בעהמח״ס לב העברי כותב וז״ל שם: הגהצה״ק ר׳ נתן אדלער זללה״ה רצה לפסול השו״ב דפפ״ד, ולהכניע החותם של הסטרא אחרא השורה על השובי״ם הפסולים בסוד על חרבך תחי׳ וכו׳, ואלמלא השיג כל רצונו הי׳ בא משיח צדקינו, אך הס״מ העמיד עליו רודפים קצבים, והוצרך לברוח מפפ״ד, ותלמידו החתם סופר רץ אחריו כמה פרסאות וכו׳ עכ״ל. (הובא בספר משכיל על דל להגה״ק מוה״ר הלל מקאלאמיי זי״ע, עיין שם באריכות).

# מעשה טז

**אַ מעשה נורא פון הייליגן ר׳ מענדעלע דעשער בעל שאלות ותשובות ״שערי צדק״, ווען ער האָט געלערנט ביים הייליגן חתם סופר זי״ע**

עס איז באַוואוסט אַז דער הייליגער ר׳ מענדעלע דעשער איז געווען אַ תלמיד פון הייליגן חתם סופר זי״ע.

אויך איז באַוואוסט אַז דער הייליגער ייטב לב זי״ע האָט געהאַט גרויס השתוקקות צו פאָרן לערנען ביים הייליגן חתם סופר, אָבער ער האָט נישט געקענט פאָרן אַהין לערנען, צוליב די שוואַכע שוחטים וואָס האָבן געשאָכטן אין פרעשבורג (ווי עס איז באַוואוסט אַז דער הייליגער חתם סופר אַליין שרייבט אין אַ תשובה חתם סופר יורה דעה סימן י״ח, אַז ער פלעגט עטליכע מאָל אַ טאָג לויפן צו די שחיטה. ער האָט אַלץ געציטערט ווער ווייסט וואָס די שוחטים טוען ווען ער איז נישט דאָרט).

איינמאָל, ווען ר׳ מענדעלע דעשער האָט זיך געטראָפן מיטן הייליגן ייטב לב, האָט דער ייטב לב געפרעגט ר׳ מענדעלע׳ן, ווי אַזוי קענסטו עסן פלייש אין פרעשבורג? עס איז ידוע אַז די שוחטים זענען זייער שוואַכע? האָט ר׳ מענדעלע געענטפערט, אַז ער עסט נאָר פון די בהמה וואָס דער הייליגער חתם סופר עסט אַליין, און ער איז מאמין באמונה שלימה אַז אַפילו אויב עס איז דאָ אַ פגימה אויף דעם חליף וואָס מען שעכט פאַרן הייליגן חתם סופר, קומט אַ מלאך און פילט אויס די פגימה!

די תשובות פון ר׳ מענדעלע׳ן זענען, ווי באַוואוסט, געשריבן מיט מער גדלות ווי דעם הייליגן ייטב לב׳ס תשובות, ממש נישט קיין פאַרגלייך, וואָס הגם דער ייטב לב האָט געהאַט אַ מורא׳דיגן קאָפּ, און לויט זיין קאָפּ האָט ער געדאַרפט שרייבן מיט אַ סך מער גדלות, אָבער דאָס האָט זיך גענומען ווייל ר׳ מענדעלע האָט געלערנט ביים הייליגן חתם סופר, און דאָרט האָט מען באַקומען גאָר אַ שאַרפן דרך הלימוד, און ווען דער

ייטב לב וואָלט געלערנט אין דער ישיבה ביים הייליגן חתם סופר וואָלטן די תשובות גאַנץ אַנדערש אויסגעזען לויט זיין גדלות פון מוח מיט'ן כח התורה וואָס דער ייטב לב האָט געהאַט.

עס איז ידוע אַז דער ייטב לב האָט געזאָגט פאַר זיין פטירה, אַז ער האָט כל ימיו חרטה געהאַט וואָס ער האָט נישט געלערנט ביים הייליגן חתם סופר. ער וואָלט גאַנץ אַנדערש געלערנט, אויב ער וואָלט געלערנט ביים הייליגן חתם סופר (די מעשה האָב איך געהערט פון הרה"צ ר' יודא'לע דעשער שליט"א, און פון נאָך תלמידים און חסידי דעש).

דער הייליגער חתם סופר איז אויך געווען רב אין דרעזניץ (וואָס איז אין מדינת מעהרען) 7 יאָר, און אויך ר' מרדכי באנעט איז דאָרט געווען רב.

עס ווערט געברענגט אין ספר זכרון למשה אַז דער הייליגער חתם סופר האָט געזאָגט אַז "די מדינות אין דייטשלאַנד זיינען אַראָפּ פון אידישן וועג, ווייל זיי האָבן געהאַט שוחטים קלים", און אזוי שרייבט אויך דער הייליגער צאנזער רב זי"ע (אין שאלות ותשובות דברי חיים ח"א יורה דעה סימן ד'), עיין שם.[6] אויך ברענגען מיר אין מעשה ט"ו באריכות וועגן דעם ענין, עיי"ש.

---

6) וז"ל שם: **"שעל ידי השוחטים קלים יצאו מדינות שלימות מדת ישראל ואבד זכרם".**

ושם בשו"ת דברי חיים (יורה דעה ח"א סימן ו') כתב וזה לשונו: **"ועיני ראו כמה יראי השם לומדי תורה שהיו אצל צדיקים, ולאחר שנתחנכו באומנות הלזו נהפכו לאיש אחר אשר אם לא ראיתי בעיני לא האמנתי"**, עכלה"ק.

ומרן החתם סופר זי"ע כתב בשו"ת חת"ס או"ח סימן ר"ה, כי המלך זקן וכסיל יושב על כסא של ג' רגלים חזנים **שוחטים** וסופרים, עיין שם. (וכעין זה בספה"ק תולדות יעקב יוסף פרשת נשא, ד"ה והעולה).

ועיין בספר טיול בפרדס להגה"צ משאמלוי זצ"ל הי"ד, שכתב בחלק א' (מערכת שחיטה) כי **כח הציונות** נתהוה גם ע"י השוחטים הקלים ובשר טמא שנתפטמו שלומי אמוני ישראל, עיי"ש.

ומענין השחיטה כדאי להזכיר, שהרה״ק ר׳ מענדעלע מדעש זצ״ל בעהמח״ס מעגלי צדק למד אצל החתם סופר זצ״ל וגם הי׳ תלמיד של הישמח משה זצ״ל, וכשחזר המעגלי צדק מפרעשבורג שאלו אביו בעל מראה יחזקאל מה עשה עם אכילת בשר בשב״ק) כי הי׳ איזה קול שהשוחטים בפרעשבורג היו קצת אנשים קלים, ובתשובות חתם סופר מדבר הרבה אודות השוחטים הקלים, והחתם סופר כותב בעצמו שהי׳ הולך הרבה לבית השחיטה, לראות אודות השחיטה אם הכל מתנהל כראוי, ובודאי שבחול לא עלה כלל על דעת המראה יחזקאל שבנו יאכל בשר, רק שאלו על שבת) והשיב רבי מענדעלע, אכלתי אצל החתם סופר בעצמו, כי אני מאמין באמונה שלימה שממה שאוכל החתם סופר, אפילו אם הי׳ ח״ו הסכין פגום ג״כ בא מלאך למלאות ולליישר הפגימות, ועל זה תמכתי יתדותי.

וכאן המקום להזכיר עוד סיפור מענין השחיטה בפרעשבורג, שהי׳ איש אחד שהי׳ חסיד של הייטב לב מסיגוט זצ״ל ושל המעגלי צדק מדעש זצ״ל, ופעם הי׳ לו שאלה קשה, ושאל את שני רבותיו, הן הייטב לב והן המעגלי צדק. אחר זמן אמר הייטב לב בבית המדרש להאיש, בטח שאלת גם את הרב מדעש, הגד נא לי מה היתה תשובתו לשאלתך. ואמר האיש את כל התשובה להייט״ל, פלפול ארוך ומקיף. והתאונן אח״כ הייטב לב בפני האיש, שהוא (המעגלי צדק) למד אצל החתם סופר בפרעשבורג (כנראה שהתכוון לומר דלכן עונה תשובות כאלו) אבל אנכי, לא הניח אותי זקני הישמח משה ללמוד בישיבת החת״ס מחמת השחיטה שהיתה בפרעשבורג (והיינו שלא רצה שיאכל שם בשר, ע״כ לא שלחו ללמוד בישיבת החת״ס).

חזינן מסיפור זה, דאף שהמעגלי צדק למד גם אצל הישמח משה, וידוע שכשהישמח משה לא הי׳ מרצה השיעורים לפני התלמידים מחמת איזה סיבה, הי׳ הייטב לב אומר השיעור, ונמצא מזה דלפעמים הי׳ יכול להזדמן שהמעגלי צדק למד גם אצל הייטב לב, מ״מ אחז כעת הייטב לב ברוב ענוותנותו

שהמעגלי צדק עונה תשובות להלכה יותר טוב ממה שהוא - הייטב לב - עונה, ובענוותנותו תלה הייטב לב את הדבר בזה שלא זכה ללמוד בישיבת החתם סופר.

ידוע שבנו של המראה יחזקאל למד אצל החתם סופר בישיבת פרעשבורג, והוא היה מהבנש"ק היחידים שלמדו אז אצל החתם סופר. המראה יחזקאל שלח בנו ללמוד שם משום מעשה שהיה.

המראה יחזקאל והחת"ס עמדו בחליפת מכתבי תורה. פעם אחת הי' ביניהם איזה שאלה חמורה ושקלו וטרי בזה, אבל לא יכלו לבא אל עמק השוה, לכן החליט המראה יחזקאל שיסע להחת"ס לברר הדבר. בעת שבא לשם לא גילה שמו, ונכנס לדבר עם החת"ס מענינים שונים עד שבאו לדבר מענין השאלה הזאת שהיה ביניהם, והוכיח המראה יחזקאל סברתו והחת"ס הורה לו. החת"ס לבד הכין לו סעודה, ואח"כ הכין לו המטה לישון. המראה יחזקאל ראה שהחת"ס אינו הולך לישון, והולך לכתוב דברי תורה, שאל אותו המראה יחזקאל אמאי לא מניח א"ע לישון, ואמר ששלח להמראה יחזקאל תשובה מזה השאלה, וכעת רואה שהמראה יחזקאל צודק, לכן רוצה לכתוב לו עכשיו. אמר לו המראה יחזקאל מי הוא, והחת"ס היה חלישות הדעת שלא ידע מקודם, [ואולי לא כבדו כראוי], ואז [שהרגיש המראה יחזקאל שיש לו חלישות הדעת], אמר לו המראה יחזקאל כי הוא רוצה לשלוח בנו ללמוד אצלו, אם הוא מסכים, וענה לו בוודאי, והבטיח להחת"ס שישלח את בנו בזמן הבא, וזה היה הפיוס בינו להחת"ס.

*

# שאלה ב:

איר האַלט אין איין האַקן קעגן די חלב פרשה, טאָג און נאַכט זענט איר נאָר ביזי מיט דעם. ווען וועט דאָס שוין נעמען אַן עק? דורך אייער אַזוי פיל שרייבן גייט מיר שוין אַוועק דער אַפּעטיט פון עסן דאָס פלייש, און איך דאַרף דאָס האָבן צו מיין געזונט. (עי׳ להלן שזה מזיק מאד ויש שאר מאכלים כנגדם יותר טובים ובריאים פארעווע בלא חשש כלל).

מיין פרוי וויל מיר נישט מאַכן קיין פלייש, שטענדיג דאַרף איך זיך קריגן מיט איר, (אגב, פון אייער שאלה זעט מען אז איר האט ב״ה זוכה געווען צו אן ערליכע פרוי, אז זי וויל אייך נישט מאכיל זיין טריפות, נישט אזוי ווי חוה האט איינגערעדט אדם הראשון אז ער זאל עסן טריפות פון עץ הדעת, ועיין רמב״ן בפרשת בראשית). דאָס קומט אַלעס נאָר ווייל זי ליינט אייערע אַרטיקלען. ווייסט איר דען נישט אַז די אידן אין מצרים האָבן אויך געשריגן ״מי יאכילנו בשר״? ווייל מען קען נישט עקזיסטירן אָן פלייש, כל שכן אַזאַ שוואַך דור.

ווייסט איר דען נישט פון דעם בריוו וואָס דער בית דין פון התאחדות הרבנים האט אַרויסגעגעבן מיט די חתימות פון די גדולי הרבנים, אַז עס איז בכלל נישטאָ קיין שום שאלה אויף ניקור אין גאַנץ אַמעריקע? איז ווי קענט איר שרייבן פונקט פאַרקערט פון דעם סאַטמאַרער רבי׳ן און זיין בית דין הגדול בירושלים וואָס די גאַנצע וועלט ציטערט פאַר זיי, נאָר איר, האָלמינער רב, ציטערט נישט?

*

# תשובה אויף שאלה ב'

די שאלה אליין איז גענוג א גוטער תירוץ, אז מען קען זיך גארנישט פארלאזן אויף דעם בריוו.

א'. ווען עס וואָלט געשטאַנען אין דעם בריוו פון התאחדות און פון בד"צ פון ירושלים, אַז נאָר די פלייש פון סאַטמאַר איז כשר, וואָלט מען נאָך געקענט זאָגן, אַז מען האָט מתקן געווען די שחיטה וכו'. אָבער צו געבן גלאַט אַזוי אַ הכשר אונטערשרייבען אז אין אלע 50 שטעט אין אמריקא איז שוין דער ניקור כשר און עס איז נישט דא קיין שום שאלות אפילו "היברו נעשאנעל" — "אָ-יו" — "999" וכו' אין די גאנצע מאסען שחיטה פון נעבראסקא און קאנעטיקוט, א.ד.ג., וואו איר וועט אלץ גיין אין גאנץ אמעריקע און מען וועט אייך זאגן אז דאס איז מנהג אונגארין איז שוין גוט. איז אזא הכשר שוין געהערט געווארן בעולם, בפרט ווען דער סאַטמאַרער רבי זצ"ל האט נאך קיינמאל נישט געגעבן קיין הכשר, און שרייבט אין זיינע שו"ת "דברי יואל" (יורה דעה סימן ל"ד אות ב', בסופו), אז אויף די בוטשערס אין אמעריקע קען מען זיך בכלל נישט פארלאזן. און דאס איז זיין לשון:

עס איז פאראן פלעצער אין אמעריקע וואס דער בית דין האט נישט דעם ריכטיגן כח, די קהילה פירט זיך נישט אזוי ווי מען דארף און דער מורא פון די בוטשערס און פלייש אנפירערס (מענעדזשערס) ליגט אויפ'ן שוחט מער ווי די מורא פון בית דין, און אוודאי מער פון השם יתברך. עס איז אויך פאראן פלעצער וואס די שוחטים זענען נישט ווי עס דארף צו זיין און זיי דארפן א השגחה פון בית דין, עיי"ש.

פון סאטמארער רבינ'ס ווערטער זעען מיר אז אין אמעריקע, אפילו ביי חרדיי'שע רבנים, פאסירט, אז זיי האבן נישט דעם כח צוווארפן א מורא אויף די שוחטים, וואס דאס איז זייער וויכטיג צו הונדערט פראצענטיגע כשרות.

אויך שרייבט דער רבי ווייטער דארט אין זעלבן סימן: דער טורי זהב זאגט, אז לויט די פארדארבנקייט פון דור זאל מען נישט גלייבן פאר סתם מענטשן. דער מהר"ם שי"ק שרייבט, אז היינט וואס די תורה מיט יראת שמים איז אפגעשוואכט און דאס לייכטזיניקייט שפראצט ווי די גראז פון פעלד, איז א סתם איד כמעט נישט באגלייבט, און לויט מיין מיינונג איז דאס די מיינונג פון די חז"ל אין די גמרא און פוסקים... בעוונינו הרבים די וואס זענען נחשד אויף כשרות זענען דאס מערהייט פון מענטשן, די מכשולות און קולות זענען פיל אין די היינטיגע צייט און תורה מיט יראת שמים איז אויפ'ן נידעריגסטן שטאפל, ע"כ.

דער מוסר השכל דערפון איז:

א) סתם מענטשן זענען נישט באגלייבט אויף כשרות.

ב) רוב מענטשן זענען נישט פארלעסליך אויף כשרות.

ג) די שטרויכלונגען ביי כשר'ע עסנווארג זענען פיל.

ד) תורה און יראת שמים איז אויפ'ן נידעריגסטן שטאפל.

נו, ווי קען דאס שטימען מיט דעם צעטיל, אז ער האט מתיר געווען פלייש אין גאנץ אמעריקע.

די התאחדות הרבנים אליין האט דאך מודה געווען אין א בריוו אז אין גאנץ אמעריקע ווערן אידן ליידער נכשל מיט'ן איסור פון אכילת חֵלב, און זיי זענען מעורר אין דעם בריוו מתקן צו זיין דעם מכשול פון חֵלב.

אויך קענט איר הערן דעם טעיפ פון די דריי שעה'דיגע אסיפה פון די התאחדות הרבנים, און דארט זעט מען בפירוש ווי דער היינטיגער סאטמארער רבי זאגט אז מען האט פארנארט דעם עולם-גולם אלע 30 יאר מיט פלייש וואס איז נישט גלאט, און מען האט עס פארקויפט פאר'ן חרדי'שן עולם אלס "גלאט".

דאס לשון אויף איינעם פון די טעיפס איז ווי פאלגענד, און ווי עס איז אראפגעגעבן אין ספר הודאת בעל דין, הודאה י״א.

איין רב פרעגט דארט: אזוי ווי מען נוצט נישט קיין סירכות כאטש ס׳איז כשר, סירכא פלייש... (אויב אזוי, זאל מען זיך אויך נישט באנוצן מיט צלע י״ב).

האט א רב וואס איז געווען א בעל מכשיר, געענטפערט: הלוואי, הלוואי... וויפיל מען נוצט יא, מען האט אראפגענומען סירכות, דאס איז גלאט, פונדעסטוועגן נוצט מען סירכות, מען קען דאך נישט זאגן אז מען נוצט נישט קיין סירכות. פאר דעם עולם קען מען זאגן אז מען נוצט נישט קיין סירכות - דעמאלס וואלט איר נישט געקענט האבן קיין פלייש צו פארקויפן. ס׳איז דא, ס׳מאכט זיך, ס׳גייט נישט לייכט, אבער עס טרעפט זיך אמאל.

אויף די ווערטער האט מוחה געווען א צווייטער רב, אויך א בעל מכשיר, בזה״ל: זאלט איר מיר מוחל זיין אויף דעם וועל איך ענטפערן, חלילה אזא סטעיטמענט צו געבן, אז מיר נעמען ח״ו סירכות, חס ושלום... וכו׳.

אויך איז באקאנט אז מ׳האט פון דא הי צוריקגעהאלטן 160 טויזנט דאלאר פאר די עדה החרדית אין ירושלים, געלט וואס איז געווען פון ״קרן הצלה״, ווייל מ׳האט פון דא געוואלט צווינגען דעם בית דין צדק פון די עדה החרדית צו שרייבן א בריוו אז דאס פלייש פון אמעריקע איז כשר, און זיי האבן נישט געוואלט שרייבן אזא בריוו. צום סוף האבן א טייל פון זיי זיך געמוזט אונטערגעבן, כדי צו באקומען דאס געלט פון קרן הצלה, און זיי האבן געשריבן אזא בריוו. זע באריכות אין ספר עמק הבכה.

עס האט געדארפט פארקומען אן אסיפה פון פינף רבנים, אויסצוהערן גביית עדות וועגן דעם מצב פון שחיטה אין אמעריקע. די אסיפה האט געזאלט פארקומעןביים פאפער רב

זצ"ל, און עס האבן דארט געדארפט ערשיינען פערציג רבנים און שוחטים מיט עדות. ביי יענע אסיפה האבן געדארפט זיין די פאלגענדע רבנים: פאפער רב, קאשויער רב, דעברעצינער רב, סאמבאטהעלער רב, דער היינטיגער סאטמארער רבי, און דער קאסאניער רבי.

צום סוף איז יענע אסיפה נישט צושטאנד געקומען, ווייל מ'האט געווארנט און געסטראשעט די רבנים אז מ'וועט זיי הרג'ענען אויב זיי וועלן קומען צו די אסיפה.

מיר וועלן ברענגען אן עדות שאפט וואס מיר האבן געהערט פון הרב הגאון מוהר"ר שלמה יודא שווייצער, ווי ער האט דערציילט אז ער האט אליין געהערט פון הגה"צ מדעברעצין שליט"א אין די בעלזער מקוה (אויף זעכצענטע עוועניו) וז"ל:

"מיט די סאטמערער קען מען גארניקס מאכען, זיי זענען אימשטאנד עמיצן מיט א קאר ארונטערצושמייסען און זאגען עס וואַר אַן עקסידענט".

# שאלה ג:

1. ווי קענט איר אַרויסגיין קעגן די אַנדערע גדולי ישראל וואס זיי זענען צוויי מאָל אַזוי אַלט פון אייך? הגם איר האָט טאַקע אַרויסגעגעבן אַ סאַך חיבורים, אָבער מיט דעם מיינט דאָס נאָך נישט אַז איר מעגט שרייבן קעגן זיי. ווען איר וואָלט געווען כאָטש עלטער פון זיי וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען, אָבער איר זענט דאָך יונגער פון זיי?

2. ווי ווילט איר אָפּהאַלטן אידן פון עסן פלייש, דאָרט וואו אַ גרויסער חלק פון די הכנסה גייט פאַר אונזערע מוסדות, וואו עס לערנען איבער 10 טויזנט קינדער בלע"ה, וואס ליידער דורך אייערע אַרטיקלען האָבן זייער אַ סאַך אויפגעהערט צו עסן בהמה פלייש, און מיט דעם רויבט איר אַוועק ריזיגע סכומים פון געלט וואָס די ישיבה לעבט פון דעם, און צוליב אייך שטייען מיר היינט אין אַ גרויסן דעפיציט ל"ע, און ווער ווייסט ווי לאַנג

מען וועט דאָס קענען דורכטראָגן. איר קענט נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות?

ווייסט איר דען נישט די מעשה מיט'ן דעברעצינער רב, דאָס בשעת ווען ער איז אַרויסגעקומען מיט זיין "מדריך הכשרות" און מיט'ן "ועד הכשרות" און דער סאַטמאַרער רבי האָט אים געלאָזט רופן, און געהייסן אויפגעבן דעם גאַנצן מלחמה-פראָנט פון כשרות, און האָט אים געזאָגט אַז קיינער האָט אייך נישט געשטעלט מזכה צו זיין די וועלט וועגן כשרות, איר זענט נישט די וועלט'ס פאַרזאָרגער. און אויב דעם דעברעצינער רב האָט דער סאַטמאַרער רבי געהייסן אויפהערן מיט די עסקנות פון כשרות, ווי אַזוי מיינט איר, זענט איר שוין גרעסער פון דעברעצינער רב אויך?

איך האַלט, לאָזט זיך שוין אָפּ פון אייער אַרבעט. לאָזט מנוחה די אידן וואָס ווילן זיך מחיה זיין שבת קודש מיט אַ פיינעם טשאָלנט מיט פיינע מאַרעךביינער און מיט אַביסעלע סטעיק, סאַלאַמי, פּאַסטראַמי. יעדער ערליכער איד זינגט יעדן שבת מיט גרויס התלהבות צוזאַמען מיט די קינדער "בשר ודגים וכל מטעמים". מיר דאַרפן דאַנקען השי"ת אַז מיר האָבן געלט צו קויפן אָט די פיינע מאכלים, וד"ל.

**צבי דוד הערשקאָוויטש**

*

# תשובה אויף שאלה ג'

א. די מכשירים און די וואס זענען מתיר נו"ט חלב ודם פאר געלט און כבוד זענען נישט קיין גדולי ישראל, נאר מכשילי ישראל, אזוי ווי שבתי צבי שר"י ימש"ו האט מתיר געווען חלב

ודם[7]. און ער איז געווען מער גדול פון אלע היינטיגע, וועט ער אויך גערעכענט ווערן פאר א גדול? היינט אין די התאחדות וואלט מען איהם אוודאי געצאלט אפילו 2 מיליאן דאלאר א יאר פאר מתיר זיין נבילות וטריפות חלב ודם.

ב. דאס וואס איר שרייבט וועגן די הכנסות פאר די מוסדות וואס וועלן אפגעשטעלט ווערן, איז די תשובה ווי פאלגענד:

מיר האבן א כלל אז כח הפועל בנפעל, איז אויב דאס פלייש איז טריפה איז די קשיא נישט קיין קשיא, אז מען דארף מיט די געלט אויסהאלטן די מוסדות, פארגעסט נישט אז אין די קיבוצים אין א"י האט מען געגעבן עסן בלויז חזיר פלייש אבער נישט קיין חלב, און אך און וויי איז אייך, ווי עס זעהט אויס זענט איר גוט אנגעגעסן מיט פולע פארציעס פון נו"ט חלב ודם.

דאס וואס איר שרייבט אז די ישיבות ראנגלען זיך מיט גרויסע דעפיציטן, איז מיין ענטפער: עס איז ענדערש כדאי אז די ישיבה זאל האבן א גרויסן דעפיציט (אפילו אויב זי דארף דורכדעם זיך איינגאנצן פארמאכן) ווי איידער אנצושטאפן די טייערע שעפעלעך תינוקות של בית רבן מיט געלט פון נבילות וטריפות חלב ודם. (זעה אויך באריכות אין קונטרס "אבן מקיר תזעק" וועגן דעם אז עמפייער פאלטרי האט געגעבן גרויסע סכומים געלט פאר די ישיבה "תפארת ירושלים" פון הגה"צ ר' משה פיינשטיין ז"ל, און דורכדעם זענען זיי געווען "כשר" רח"ל).

ווידער וועגן דעם וואס איר שרייבט אז מ'קען נישט נעמען אויף זיך אזא גרויסע אחריות, איז מיין תשובה, אז עס איז דאך גוט באוואוסט וואס די פריערדיגע גדולי ישראל האבן געהאלטן אז ווי איידער מען זאל לערנען די לשונות העכו"ם אין די ישיבות, איז בעסער מען זאל ענדערש אפשפארן די ישיבות.

---

[7]) וידוע ששבתי צבי ימ"ש תיקן נוסח ברכה חדשה אשר קדשנו במצותיו וצונו על אכילת חלב, ועיין באריכות בספרי קובץ ספרים בעניני ניקור.

בנוגע צו דעם וואס איר שרייבט אז דער סאטמארער רבי זצ"ל האט גערופן דעם דעברעצינער רב זצ"ל און אים געזאגט אז קיינער האט אים נישט געשטעלט מזכה צו זיין די וועלט וועגן כשרות, איז די תשובה דערויף ווי פאלגענד:

דער סאטמארער רבי זצ"ל איז דאן שוין לאנג געווען נאכ'ן סטראוק ל"ע, און טאקע די ראשי הקצבים וואס זיי זענען געווען די שטוב מענטשן פון סאטמארער רבי'ן (אלץ כדי צו קענען גרינג מאכיל זיין נו"ט) האבן איינגערעדט דעם רבי'ן פארשידענע זאכן, ווי עס איז באוואוסט.

בפרט לויט ווי דער סאטמארער רבי אליין האט מיט א סאך יארן פריער געשריבן אין שאלות ותשובות דברי יואל (חלק יורה דעה, סימן ל"ד, אות ו' בסופו) ווי פאלגענד:

טייל מאל זעט מען אפילו ביי די בוטשערס וואס פירן זיך לויט די וועגן פון דער תורה און מיט ערליכקייט אין אלע הינזיכטן אויפ'ן בעסטן שטייגער, אבער ווען עס קומט צו פלייש פארקויפן, וואס דאס איז זיין פרנסה, איז ער חשוד אז ער פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, כל שכן ביי די וואס זענען קלים אויך מיט אנדערע זאכן. נאר וואס דען? אויב עס זענען דא געהעריגע משגיחים כאפט מען זיי, אבער דארט וואו עס איז נישטא קיין הונדערט פראצענטיגע השגחה כאפט מען דאס נישט, ווייל דעמאלטס האבן די קצבים א פרייע האנט צו טאן וואס זייער הארץ גלוסט, און זיי זענען מאכיל נבילות און טריפות רחמנא ליצלן, און קיין שום מענטש ווייסט נישט דערפון צוליב דעם ווייל א משגיח שטייט נישט דארט, עכת"ד.

דער מוסר השכל דערפון איז: דער רבי שרייט געוואלד אז אויב עס איז נישטא קיין הונדערט פראצענטיגע השגחה פון אנהייב ביז'ן סוף, דעמאלס עסט מען נבילות וטריפות רח"ל, און איר זיצט זיך אזוי רואיג ביי א סעודה פון פלייש, און כאטש עס איז נישטא קיין השגחה פון אנהויב ביז'ן סוף, עסט מען זיך אן מיט נבילות וטריפות.

דער סאטמארער רבי זצ״ל האט גארנישט קיין מורא געהאט אז מען וועט האבן טענות, היתכן צו זאגן אויף א רבים אז זיי עסן נבילות וטריפות רח״ל.

נאך א זאך זעען מיר פון זיינע רייד, אז דאס יראת שמים פון די וואס רופן זיך תלמידי חכמים איז ליידער זייער שוואך.

אויך שרייבט דער סאטמארער רבי זצ״ל אין שו״ת דברי יואל (יורה דעה סימן ל״ד, סוף אות ו׳) אז מען זעט בחוש אין אונזער מדינה (אמעריקע) וואו עס זענען ברוך השם דא משגיחים וועלכע געבן אכטונג אויפ׳ן פלייש פון די שחיטה ביז נאכ׳ן פארקויפן, אבער פונדעסטוועגן טוען די קצבים (האולסעילערס - בוטשערס) אלע מיטלען, א סאך מאל איז מען געוואויר געווארן וואס די קצבים האבן געוואלט באהאלטענערהייט אריינקוקן פליישן אויף א וועג אז דער משגיח זאל נישט וויסן דערפון, אן צו קוקן אויף דעם וואס מענטשן ווערן געשטרויכלט - אלעס צוליב פארדינען א פאר דאלאר, עיי״ש.

דער מוסר השכל פון די דאזיגע רייד פון רבי׳ן איז:

א) די קצבים היינט זענען גרייט מכשיל צו זיין אידן צו פארדינען געלט.

ב) אפילו וואו עס איז דא א משגיח פון אנהייב ביז׳ן סוף ממש, טרעפט דער קצב פארשידענע וועגן ווי אזוי צו שווינדלען, און קיינער איז נישט פארזיכערט וואס ער עסט.

ג) אפילו צוליב א קליינעם פארדינסט וועט דער קצב מכשיל זיין מיט טריפה פלייש.

ד) די קצבים שטרענגען זיך אן מיט אלע מיטלען אריינצורוקן טריפה פלייש.

דאס וואס איר פרעגט אויב איך בין גרעסער פון דעברעציינער רב זצ״ל, איז די תשובה אז די דאזיגע שאלה איז א נארישע, ווייל די חז״ל זאגן דאך כל ישראל ערבין זה בזה,

יעדער איד וואס זעט א מכשול ביי אן אנדערן איד איז מחויב אים מעורר און מוכיח צו זיין דערויף, בפרט וואו מיר זעען אז מען טוט אנעסן טויזנטער אידן יעדן טאג מיט נבילות וטריפות חלב ודם רח״ל, איז דאך אוודאי אז מען טאר נישט שווייגן. און זע אויבן וואס איך האב אראפגעברענגט פון ספר דבר בעתו פונעם בעל חפץ חיים זצ״ל.

דאס וואס איר שרייבט אז יעדער ערליכער איד זינגט יעדן שבת מיט גרויס התלהבות צוזאמען מיט די קינדער ״בשר ודגים וכל מטעמים״, איז די תשובה דערויף, אז אמת טאקע, אבער וואס פארא בשר ודגים? טריפה׳נע פלייש ח״ו, צי קלערט איר אז דאס האט דער פייטן וועלכער האט מחבר געווען די זמירות, געמיינט מיט ״בשר ודגים״. ח״ו אזוי צו זאגן, מיר געפינען דאך בפירוש אין די תורה הקדושה (פרשת ראה) וזבחת כאשר צויתיך[8], אז אויב דו ווערסט שחט׳ן אזוי ווי דער באשעפער

[8]) אין ספר דברי תורה על הגש״פ שטייט ווי פאלגענד: ״ואתא מלאך המות ושחט לשוחט״.

דער מראה יחזקאל האט פסח ביינאכט פארציילט פאר די קינדער, ער האט געהאט היינט א שאלה, א שוחט וואס האט אנגעפאנגען צו טרינקען צי מ׳מעג עסן פון זיין שחיטה. האט ער געפרעגט די קינדער וואו קען מען טרעפן א תשובה אויף דעם אין די הגדה. האבן די קינדער נישט געענטפערט, זיי האבן געווארט אז דער טאטע זאל ענטפערן. האט דער טאטע געזאגט, ס׳שטייט אין דער הגדה ואתא מלאך המות ושחט לשוחט. לכאורה איז שווער, פארוואס זאל מען שעכטן דעם שוחט, עס שטייט דאך אין דער תורה וזבחת כאשר צויתיך, און א שוחט געט צו עסן אידן זיי זאלן האבן כשר פלייש אויף שבת און יום טוב, און בכלל וויל ער זיי זאלן האבן פלייש א גאנץ יאר, און ער איז דאך מקיים א מצוה לויט געוויסע פוסקים ווי דער חרדים און אנדערע ביי יעדן עוף אן עקסטערע מצות עשה דאורייתא פון וזבחת כאשר צויתיך, נו פארוואס קומט אים מ׳זאל אים שעכטן? האט ער געענטפערט אז די מעשה איז געווען אז דער שוחט האט געשאכטן נאכדעם ווי ער האט געטרונקען ד׳ כוסות, און ממילא אזא שוחט דארף מען טאקע שעכטן.

ר׳ מענדעלע דעשער, בעהמ״ח שערי צדק, האט געלערנט ביים חתם סופר אין פרעשבורג. ער איז אויך געווען א תלמיד פון הייליגן ישמח משה, און ביים ישמח משה איז געווען דער סדר אז ער פלעגט אליין פארלערנען שיעורים, און ווען ער האט נישט פארגעלערנט האט דער ייטב לב פארגעלערנט. מעגלעך אז אמאל האט דער ייטב לב פארגעלערנט פאר רבי מענדעלע.

ס׳איז געווען א איד א חסיד וואס ער איז געווען א חסיד פון הייליגן ייטב לב און אויך פון ר׳ מענדעלע דעשער. אמאל האט ער געהאט אן ערנסטע שאלה האט ער געפרעגט בײדע רבי׳ס זיינע, ער האט געוואלט זען וואס ביידע וועלן אים ענטפערן. ער האט זיך געטראפן נאכדעם מיטן ייטב לב אין בית המדרש, האט אים דער ייטב לב געזאגט, מסתמא האסטו דאך געפרעגט ר׳ מענדעלע דעשער אויך די שאלה, האט דער חסיד געענטפערט יא, האט ער אים געפרעגט וואס איז געווען די תשובה וואס ר׳ מענדעלע האט געענטפערט, האט אים דער איד אראפגעלייגט די גאנצע תשובה מיטן גאנצן פלפול וואס ר׳ מענדעלע דעשער האט אים געענטפערט, האט זיך אנגערופן דער ייטב לב צו דעם איד, וואס זאל איך טוהן אז מיין זיידע דער ישמח משה האט מיך

הייסט, דעמאלס איז ואכלת שם, מעגסטו עסן דאס פלייש, אז נישט איז עס אסור בתכלית גמור, און ח"ו צו זאגן אז דער פייטן האט געמיינט אזעלכע פלייש וואס איז טריפה לכל הדעות.

איר באצייכענט טאקע ביים סוף פון אייער בריוו די מאכלים אלס "פיינע מאכלים", אבער ליידער אזעלכע "פיינע מאכלים" פירן אראפ א איד פון ערליכן וועג ח"ו, ווי דער הייליגער רמב"ם ז"ל שרייבט אין זיין באקאנטן בריוו וואס רופט זיך "אגרת תימן" (און זעה אין ספה"ק דגל מחנה אפרים[9] פרשת

---

נישט געלאזט לערנען אין פרעשבורג ביים הייליגן חתם סופר, צוליב די שוחטים וואס מ'האט גערעדט אויף די גאס אז די **שוחטים זענען געווען שוואכע שוחטים?**

אגב, דער חתם סופר אין די תשובות שרייבט וועגן די שוחטים קלים א סאך, און ער שרייבט אז ער האט א סאך געציטערט וועגן די שחיטה און ער פלעגט א סאך אראפלויפן צו דער שחיטה.

דער מראה יחזקאל האט געשיקט זיין זוהן ר' מענדעלע דעשער לערנען צום חתם סופר, צוליב א מעשה שהיה וואס איז שוין געדרוקט ביי מיר. ווען ר' מענדעלע איז אהיימגעקומען פון פרעשבורג, האט ער געפרעגט זיין זוהן וואס האסטו געטוהן וועגן פלייש שבת אין פרעשבורג, האט ער געענטפערט אז ער האט געגעסן שבת ביים חתם סופר פון די זעלבע בהמה, און ער איז מאמין באמונה שלימה אז אפילו אויב ס'איז געווען א שוחט מיט א סכין פגום ,פגימות אויפ'ן חלף, איז געקומען א מלאך און אויסגעפילט די פגימות.

אויף א גאנצע וואך האט ער אים נישט געפרעגט, ווייל א גאנצע וואך האט ער נישט געגעסן קיין פלייש, אבער לכבוד שבת, וואס האט ער געטוהן לכבוד שבת?

[9]) ובא וראה מה שכתב הרמב"ם ז"ל, הובא בספה"ק צפנת פענח ובספה"ק דגל מחנה אפרים (פרשת עקב), ששמע מהבעל שם טוב זי"ע, שפעם אחת שאלו אנשי מדינה אחת במכתב להרמב"ם ז"ל על תחיית המתים לומר להם מן התורה. ומה שדרשו חז"ל בגמרא מן הפסוקים, אמרו שיש לדורשם באופן אחר. ולא רצה להשיבם הוא בעצמו דבר, אך אמר לתלמידו ר' שמואל אבן תבון שהוא ישיבם.

וזה תוכן דבריו בקיצור על פי חכמת הטבע, כי מכל מיני מאכל ומשקה נעשה דם, ומהדם יורד אל הכבד, ומהכבד עולה הברירות אל הלב, ומהלב יורד המובחר והדק אל המוח, ושם שורה השכל וחיות של האדם. **ומי ששומר עצמו ממאכלות המותרות והאסור והטמא**, נעשו דמיו צלולין וטהורין, **ויש לו לב טהור, והמוח והחיות שלו נעשה חיות טהורות** להשיג אמיתית החיות שהיא אלקות של כל העולמות המחיי את כולם. **ומי ששומר עצמו יותר, ומקדש את אכילתו עפ"י דרכי ד' ותורתו, נעשה מזה בנין אב, והוא השכל לכל רמ"ח איבריו ומתקדשים ומתטהרים.**

**וכן להיפוך ח"ו, נעשה בנין אב שכל עקור ומעופש בדעות זרות, וחיות שלו נעשה בחינת מת**, והוא אבי אבות הטומאה וכו', ורמ"ח איבריו נטמאים וטמא טמא יקרא לכל דבר, ונעלם ממנו אמיתת החיות שהיא אלקות של כל העולמות, **ונטמא ונופל לדיעות זרות ואלהים אחרים, הם אלילים אלמים מתים וזבחי מתים יקראו להם.**

לכן **התנאים ואמוראים** ובעלי המדות וחכמי המשנה הם **שמרו נפשן שלא יתגאלו בפת בג הזקן וביין משתיו, ולכן האירו שכלם והי' שורה עליהם רוח הקודש**, לפרש כל מאמר סתום בדת התורה הקדושה, כי שרתה עליהם כח אלקי, אשר הוא

עקב וואו ער ברענגט עס אויך) אז דאס וואס זיי האבן אים געפרעגט שאלות בנוגע זייערע ספיקות אין אמונה, איז עס דערפאר ווייל זיי זענעןליידער נתפטם געווארן מיט מאכלות אסורות, ואכמ"ל.

ג. קוקט אריין אביסל אין די ספרים הקדושים (תולדות יעקב יוסף פרשת נשא[10], דברי חיים השמטות לפרשת ויקהל)

---

ואורייתא כולא חד ואור נשמתם ג"כ הוא חוט המשולש אשר לא ינתק לעולם ולעולמי עולמים. **אבל אנשים הללו בודאי טמאים ונטמאו דמם, ומשם לבם ומוח שלהם נטמטם במאכלות האסורות והטמאות, ולכך החיות שלהם נוטה למינות ואפיקורסות**, ולא יכלו לקבל מתיקות נופת צוף דברי מאמרינו הבנוים עפ"י שכל אלקי עולם ומלך עליון. והואיל והעיזו פניהם ויצאו לחוץ, פתאום יבוא עליהם הכורת, וכרות יכרתו אותם וכל אשר להם. וכך עלתה להם, כי לא היו ימים מועטים עד אשר בא עליהם מלך גדול והרג אותם וביזז כל אשר להם, ע"כ תוכן דבריו.

[10]) אצלי זה לא חידוש, כי כתוב בזוהר הקדוש ובאור החמה, כי לפני ביאת המשיח יהיו רב הרבנים ומנהיגי ישראל מהערב רב רח"ל. (ולפי הזהר הזה אנו רואים בבירור לאיזה סוג הרב הקל הזה שייך).
והנה בפרשת בשלח כתבתי בביאור הכתוב מלחמה להי בעמלק מדר דר, דהנה איתא בזוהר הקדוש על פסוק זה (דף ס"ז) מלחמה להי בעמלק מדר דר, אמר ר' יהודה בכל דרא ודרא בכל דרין דאתיין לעלמא לית לך דר דלית בהו מההוא זרעא בישא וקב"ה אגח בהו קרבא, רבי יצחק אמר ועליהו כתיב יתמו חטאים מן הארץ, עיי"ש.
עוד איתא בזוה"ק (ח"ב דף קכ:) דערב רב אינון יין דנתנסך לעכו"ם, ומנהון משומדים מינים ואפיקורסים משומדים לעבירות שבכל התורה כולה.
ובספה"ק אור החמה (פ' נשא בשם הרמ"ק) כתב וז"ל, הערב רב הם גויי הארץ נשמת החיצונים. ושם (על זוה"ק משפטים דף ק"כ ע"ב) וז"ל מלחמה להי בעמלק שהם ערבוביא בישא שכולם נתערבו אלו באלו וזרע עמלק נתערב בהם ויש רשעי ישראל שהם נחשבים מכולם שהם פריצי ישראל מהרסיך ומחריביך ממך יצאו וכו'.
ובבני יששכר (מאמרי חודש אדר) כתב, כתות הערב רב אשר בקרבנו הם יושבים, מינים מוסרים אפיקורסים, הן המה משורש עמלק הדעת דסטרא אחרא ער"ב ר"ב גימטריא דע"ת כאשר תראה בדורות הללו אשר בעוה"ר נתרבה האפיקורסות, וגם אותן דקיימין כלי חמס על ישראל לפשוט את עורם מעליהם בעצות רעות בחוקים לא טובים וד"ל, ע"כ. ועיין בספה"ק תולדות יעקב יוסף פרשת נשא.
ובזוהר חי פרשת בראשית (דף קי"ג) כתב וז"ל, ועתה רוב הדור עם הראשים שלהם הם מערב רב, ע"כ.
ובספר דברי חיים בהשמטות לפרשת ויקהל כתב וז"ל, דלפני ביאת המשיח יהיו רוב הרבנים מהערב רב כו', וז"ל הדברי חיים שם: כי ישראל בעצמן קדושים אך הערב רב כל חסדים דעבדי לגרמייהו עבדו כנראה בעליל שהרבנים והחסידים והבעלי בתים שבדור המה בעוה"ר רובן מערב רב ורוצים לשרור על הציבור וכל מעשיהם רק לגרמייהו לקבל כבוד וממון ולכן אין להתחבר רק אם עובדים באמת שמוסרים נפשם לדי לא לקבל שום תועלת לעצמם, ע"כ עיי"ש עוד[10].
ונמצא מכל זה דברים נוראים, דרוב הרבנים ובעלי בתים הם של הערב רב, וצריכים ללחום נגדם במלחמה גדולה, ובעוה"ר לא די שאין נלחמים נגדם אלא הרבה אנשים

יש להם קשר אתם ובונים להם בנינים ופלטרין גדולים, ונותנים להם ממון כסף רב, ויש להם שם כבוד ויקר וגדולה, והצדיקים האמיתיים המקושרים להי יושבים בעניות ל״ע וא״א להם לפעול ולעשות לצרכי שמים כראוי, להרבות פעלים לתורה וליראת שמים.

ועל פי זה אפשר להבין מ״ש בספה״ק היכל הברכה (בפרשת ואתחנן הנ״ל על פסוק הטיבו וגו׳) וזה לשונו: ״ואני תמהתי על בעלי בתים הכשרים למה ישנו כל הלילה ויבלו ימיהם בהבל, למה לא יעמדו באשמורת לומר תהלים וחצות כפי כחם ואחר כך ילכו להתפלל מלה במלה בכוונת הלב, כל חד כפום שיעור דיליה, ואם הוא בר הכי ללמוד על כל פנים משניות, למה ימנע עצמו מזה ולומר איזה דפין מן הזוהר הקדוש כי כל דיבורים אלו הם קישוטי הנפש חיים לנפשו, למה לא ילחם עם חלק הרע שבנפשו המונע אותו בחכמות זרות ואם ההתחלה יהיה לו קשה שלא יטעום אלא מרירות, סופו יהיה לו אור וחיות ומתיקות וחיים לנפשו בזה ובבא וכו׳. ואם יסמוך בעל הבית הכשר שהוא מתומכי התורה בוודאי **אין דבר גדול בעולם מן מי שהוא תומך התורה אבל זעירין אינון, ועוד שיש הרבה טועין ומטעין ואם אין לו זכות לא יזכה לזה אלא ידבק עצמו בשד יהודי שהוא תלמיד חכם, והרבה צריך בקשות ורחמים בבכיה שיזכה לדבק עצמו בתלמיד חכם אמת וצדיק,** ולזה לא יזכה אלא על ידי זכיות הרבה ותפלות ותחנונים כי מן השמים אין נותנים שום דבר קדושה ומצוה אלא על ידי זכות הקדום וטורח ובקשות ותפלה״ ע״כ.

והכוונה במ״ש **ואם אין לו זכות לא יזכה לזה אלא ידבק עצמו בשד יהודי שהוא תלמיד חכם,** י״ל ג״כ כנ״ל, דיכול להיות שהוא תלמיד חכם אבל עדיין יכול להשתייך ח״ו לכת הערב רב והסטרא אחרא רח״ל, וע״כ צריך לזה זכיות הרבה ותפלות ותחנונים שיזכה לדבק עצמו בתלמיד חכם אמת וצדיק, וד״ל.

וכמה נוראים הדברים שכתב בספה״ק תולדות יעקב יוסף (פרשת נשא, ד״ה העולה) וז״ל:

״העולה מזה דראוי העושר לילך אל החכם לקבל ממנו חכמה כמו שהחכם הולך אצל העושר לקבל ממנו חסד מעשרו כי זה תכלית הבריאה כמ״ש במדרש (שוחר טוב) (תנחומא משפטים ט׳) על פסוק ישב עולם לפני אלקים ר״ל שאל שיהיה כולם שוין בעושר וחכמה שלא יצטרכו לקבל זה מזה, והשיבו רוח הקדש אם כן חסד ואמת מן ינצרוהו, כי במה יזכה זה עם זה, משא״כ עכשיו החכם מקבל חסד מהעושר והעושר מקבל מן החכם תורה וחכמה הנקרא אמת, ובשכר שמשפיעים זה לזה בחכמה ובעושר כך מלמעלה יורד השפע וכמ״ש בש״ס ולמוכיחים יונעם ועליהם תבוא ברכת טוב, כל זמן שתוכחה בעולם ברכה בעולם וכו׳ (תמיד כ״ח ע״א) ור״ל שגורם שפע כנ״ל, וכמ״ש בתיקונים (תיקון מ״ד) יעו״ש״.

״ובזה יובן חסד ואמת נפגשו, ר״ל כשעושין להשפיע זה לזה החכמים מקבלין חסד מהעושר והעשירים שומעין חכמה ומוסר הנקרא אמת מהחכמים שהוא עיקר התכלית כמ״ש חסד ואמת מן ינצרוהו כנ״ל, אז גורמים לייחד ב׳ מדות הגורמין שפע וברכה בעולם, וזהו צדק ושלום נשקו״ וכו׳.

״ובזה יובן דברי נעים זמירות ישראל בפתח דבריו, למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק יתיצבו מלכי ארץ וגו׳ ור״ל שלא אמר זה דרך תרעומות להתרעם למה רגשו וכו׳ רק שאמר דרך מוסר לעמו ישראל בטוב טעם ודעת להבינם למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק להתעולל עלילות בריק והבל על בחירי אומה ישראל, כאשר באזנינו שמענו עלילות שונאינו בכמה מיני תחבולות אין מספר להעלותן אשר האומות מעלילין והם המוני האומות הנקראים גוים שרגשו וגם השרים של המדינה מאומות העולם הנקראים לאומים יהגו ריק, היאומן כי יסופר להאמין מחכמי אומות העולם על דברי הבל וריק כזה, אבל זה נמשך מצד כי יתיצבו מלכי ארץ מאן מלכי רבנן (גיטין ס״ב ע״א) שמעמידין על פי השר שארץ שלו, וזה שנצב לרב שנקרא מלך על פי מלכי ארץ

וואס און ווי אזוי עס וועלן אויסזען די ערב רב רבנים פאר ביאת המשיח, און אין ספר ויואל משה בשם תשובת הרשב״א באריכות.

ד. טייערער ר׳ צבי דוד, קוקט אריין אין דעם קונטרס ״הודאת בעל דין״ און הערט אויס דעם טעיפ וואו דער

---

שהארץ והעיר שלו אחר חורבן הבית [ותיבת מלכי משמש לכאן ולכאן] ויתיצבו מלכי ארץ ורוזנים שהם המנהיגים של הרב הנ״ל נוסדו יחד על ה׳ ועל משיחו, כי מיד יועצים עצות על ה׳ בענין מאכלות אסורות להעביר שוחטים טובים ולהעמיד רעים לפי רצונו וכיוצא בזה לפי מה שראתה עיני ועל משיחו שהם הלומדים העוסקים בתורה ועבודה איך לגרשם מהעיר ולבטל מנין שלו יעשו כעובדא דאחז המלך שאחז בתי כנסיות ובתי מדרשות ואמר אם אין חכמה אין הקב״ה משרה שכינתו בישראל שנאמר חתום תורה בלימודי וכו׳ (ישעיה ח׳), נתנקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו, ור״ל כי עצתם איך להשליך עבותות האהבה שבינם לבינו ית׳ ע״י שיש להם מקום מיוחד להתלמד ולהתפלל ולהסיר מוסרותימו שע״י תורה ומוסר כולם נכנעים לפניהם ולהסיר עול מעלינו זהו תוכן עצתם״.

״והנה באלו יש ב׳ כתות כנ״ל שיש יראי השם לשם שמים וכנ״ל, ובזה אמר יושב בשמים ישחק ר״ל כי זה שהוא ברום המעלות בשמים שכבר נתקשר באהבה ית׳ גם עתה ישחק וישמח ולא יחוש כלל לעצתם, משא״כ אד׳ ילעג למו, כי כת ב׳ הנ״ל שהי׳ במדרגה תחתונה הנק׳ אד׳ כנודע שלא היה לשם שמים רק ליטול את השם שהוא מחסידי ארץ, וכעת שרואה שיועצים עליהם הרוזנים וכו׳ מיד הוא עצמו ילעג למו על היראים כדי שלא ימצא בו שום דבר מחסידים שלא ילכד בעצת רוזנים, וזה הוא השמירה של מעלה לבל יכנס פנימה כל מי שיהי׳ כי מי שאינו הגון אז ידבר אלימו באפו ובחרונו יבהלמו כדי שיהיו נרפים מהתורה והעבודה לכוונה הנ״ל, אבל ואני נסכתי מלכי על ציון הר קדשי, ור״ל שדוד אמר על עצמו ואני שעמדתי בנסיון כל הבזיונות והשפלות וכעת אני נסכתי מלכי שאינו נצב ממלכי ארץ עפ״י השררה רק ואני נסכתי מלכי שהוא אלקי עולם ה׳ על ציון הלומדים המצויינים בהלכה שעיקר מלכותי ונסיכותי הוא על הלומדים העוסקים בתורת ה׳ ועבודתו כמ״ש חבר אני לכל אשר יראוך וכו׳ (תהלים קי״ט) ועל זה הוא סמוך לשון חיבור כמו ועליו מטה מנשה (במדבר ב׳) כי הם נטורי קרתא (פתיחתא דאיכ״ר א׳) וא״צ לומר שלא לגרשם מהעיר רק שהם עיקר ממשלתי. וגם על הר קדשי שהם ראשי קציני אלופי ישראל שהם נקראים הר והם גורמים קדושתו כמ״ש (דברים ב׳) ויהי כאשר תמו וידבר ה׳ אלי שאין קדושת שמו על נביאים כי אם בזכות ישראל ומה שהעמיד ית׳ אותי לנסיך ומלך הוא בזכות ישראל שהם נקראין קודש ישראל לה׳ ראשית תבואתו (ירמיה ב׳) וחס על כבודם שיהיה להם רועה נאמן לבל יגיס דעתו עליהן כמו שאמרו (יומא כ״ב ע״א) אין ממנין פרנס על הציבור אלא אם כן קופה של שרצים תלוין אחוריו״, עכלה״ק הנוגע לענינינו.

רואים אנו ג״כ מדברי התולדות יעקב יוסף שהצדיקים ועובדי ה׳ יושבים בעניות ובדחקות משא״כ אותם שדורשים רק כבוד עצמם יושבים על מי מנוחות ולא חסר להם כלום וכנ״ל.

ולכן צריך באמת סייעתא דשמיא גדולה לזה, שתהי׳ הצדקה שנותן באופן ראוי והגון, שיתן לעני הגון ת״ח וירא שמים שאינו שייך לכת הערב רב רח״ל.

הײנטיגער סיגעט-סאטמארער רבי שליט״א געוואלד אז די אלע פערציג יאר האט מען נישט געגעסן גלאט כשר, און ער מיט נאך רבנים זענען מודה אז מען האט געגעסן חלב מיט נישט גלאט-כשר׳ע פליישן און מען האט די אלע יארן פארנארט דעם עולם.

ה. צענדליגער ערליכע רבנים גדולי ישראל זענען ארויסגעקומען מיט קול קורא׳ס קעגן די פליישן. די אלע מכשירים זענען בטל ומבוטל קעגן זיי.

ובזכות שמירת הכשרות יראינו השי״ת את ישועתו ויצוה לנו את ברכתו הטובה, ויזכור לנו ברית ראשונים לחדש עלינו ימים כקדם ולהשיב שבות ציון וירושלים בב״א.

*